STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01380

LITERARISHE ETYUDN

Moses Shalit

Permanent preservation of this book was made possible
by J. Lew Schepps
in memory of
Rae & Isadore Schepps

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה שאליט.

ליטעראַרישע עטיודן

I.

מענדעלי-שלום-עליכם-פּרץ. דוד בערגעלסאָן.
דוד איינהאָרן. יהודה-ליב לעוואַנדא.
ד"ר חיים זשיטלאָווסקי. ד"ר נתן בירנבוים.

פאַרלאַג ש. שרעבערק, ווילנע.

דרוקעריי ב. ציונסאָן און קאָמפּ., ווילנע, טראָקער גאַס 13.
1920 תרפ.

מענדעלי—שלום־עליכם—פּרץ.

I.

א.

ווי דער יידישער מנהג איז, האָט מענדעלי ניט געדיינקט געגויי דעם טאָג און דעם יאָר פון זיין געבורט. ער האָט גערעכנט, אַז ער איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1836, און זיין באַהענטסטער פריינד פון אַמאָל ליב בינשטאָק מיינט, אַז מענדעלי איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1835. מעגליך, אַז ביידע האָבן אַ טעות.

אין זיין אַוטאָביאָגראַפיע (ספר־הזכרון של סוקולוב, וואַרשע, 1889) דערציילט מענדעלי אַט וואָס: „עיר מולדתי—קאַפּולי, עיר מצערה במחוז סלוצק, פלך מינסק. יום הולדתי לא נכתב בספר, כי לדבר כזה לא השגיחו לפנים בני עמנו ובפרט יושבי הערים הקטנות. רק מקובלני, כי נולדתי בשנת 1836 ובני ביתי קבעו מועד יום הולדתי בעשרים לחדש דצמבר".

ניט לייכטער איז פעסטצושטעלן מענדעלי׳ס ערשטע ווערק, ווייל ס׳איז שווער צו זאָגן וועלכע ווערק מענדעלי׳ס זאָל מען אייגנטליך רעכענען פאַר דאָס ערשטע. אויב מען זאָל דעם חשבון פירן ריין־כראָנאָלאָגיש, איז דאָס ערשטע ווערק, וואָס מענדעלי האָט געדרוקט, דער אַרטיקל „החנוך", וועלכער איז ערשינען אין זילבערמאַנ׳ס „המגיד" אין יאָר 1856 (שנה ראשונה, נומ׳ 31). זאָל מען אָבער רעכענען פאַר מענדעלי׳ס ערשטע ווערק זיין ערשטן

ספר „משפט שלום״, וואָס האָט בײַ זײַן ערשײַנען אַרויסגערופֿן אַ גרויסן רושם, איז מענדעלי׳ס 75=יאָריגער יובילײַ לויט געבורט צונויפֿגעפֿאַלן מיט זײַן 50=יאָריגער ליטעראַרישער טעטיקייט (מיט 10 יאָר צוריק, געשטאָרבן איז מענדעלי אין יאָר 1917), ווײַל „משפט שלום״ איז ערשינען אין יאָר תר״ך.

איך וועל אָבער לאָזן די כראָנאָלאָגיע אָן אַ זייט.

דאָס א מ ת׳ע ע ר ש ט ע ווערק מענדעלי׳ס, דאָס ווערק, וואָס האָט אויף אים גופא געהאַט אַ גרויסע ווירקונג און וואָס הויבט אָן, אין ווירקליכן זין פֿון וואָרט, זײַן קולטור=היסטאָרישע און יידיש=קינסטלערישע שאַפֿונג — איז אָן אַ ספק „דאָס קליינע מענשעלי״, וועלכע איז ערשינען, מסתמא, אין יאָר 1864.

דאָס איז געווען אַ צייט, ווען מענדעלי האָט איבערגעלעבט אַ שווערן און טיפֿן אינערליכן חשבון=הנפש. ער האָט געזעהן פֿאַר זיך אַ גרויסן המון יידן, וואָס ליגן אין די הענט פֿון די פּרנסים און ווערן געפֿירט פֿאַר די נעזער. גאַנצע עדות יידן ווערן פֿאַרזונקען אין פֿינסטערניש, אומוויסנהייט און פֿאַנאַטיזם. דאָס פֿאָלק האָט ניט קיין פֿירער און קיין לערער. זײַן שפּראַך איז אַנדערש. מיט זײַן שפּראַך שעמען זיך די „געבילדעטע״ פֿון פֿאָלק, זײַן אויבערשטע פֿון שטייסל. די „געבילדעטע״ ציהען זייער גײַסטיגע שפּײַז פֿון דײַטש און שרײַבן לשון=קודש, — און דאָס פֿאָלק מוז זיך נעבעך באַהאַלטענערהייט קוויקן מיט באָבע=מעשות אויף יידיש. און ראַמען איז דאָ אַזוי פֿיל, אַזוי פֿיל צו ראַמען! די באָד און דעם הקדש, און די פּושקע און נאָך און נאָך. הײַנט די בלאָטע, פּשוט די בלאָטע!

— „געדיינקסטו, געדיינקסטו, אַז דער אורח האָט פֿאַרלאַנגט מען זאָל אָפּוואַשן דעם פּאָל אין תּלמוד=תּורה און אין בית=מדרש איז דיר, שונא ציון, פֿינסטער געוואָרן אין די אויגן, סטייטש, אַזוינס צו טאָן! סטייטש, אָפּצוואַשן די בלאָטע, וואָס אונזערע אבות=אבותינו האָבן אָנגעמאַכט״... („דאָס ווינשפֿינגערל״).

מענדעלי וויל ווירקן אויפן פאָלק. ער וויל זיך נעמען פאַר די דיינינגונגס=אַרבעט. ער וויל אָנהויבן דעם אַקטיוון קאַמף.

צו יענער צייט, אָנהויב די 60=ער יאָרן, איז בכלל פאָרגעקומען אַן איבערקערעניש אין דער השכלה=טעטיגקייט. אָנשטאָט דער פריהערדיגער פאַרטיידיגונג הויבט אָן די „השכלה" צו פירן אַן אָפענעם אָנגריפס=שטרייט. מאַפו לאָזט זיך אַראָפּ פון די ביבלישע בערג אין די סאַמע טיפעניש פון דער יידישער שטעטלדיגער ווירקליכקייט, און אָנשטאָט דעם זיסן ראָמאַנטיזם און די הימלישע געזאַנגען גיט ער אונז אַ ניכטערן ראָמאַן „עיט צבוע", וואו עס ווערט אכזריות'דיג אַרויסגעשטעלט אין זייער גאַנצער פּראַכט דער דור און זיינע מנהגים. די פאַרבן ווערן אַפילו צו פּיל פאַרשוואַרצט.

דעם אמת'ן קאַמף הויבט אייגענטליך אָן מ ע נ ד ע ל י. און הויבט אים אָן מיט אַ יידיש האַרץ, מיט אַ יידיש פאַרשטענדניש, מיט אַ טיפער אינערליכער דורכדרינגונג פון דער זאַך,—און אויף דער שפּראַך דוקאָ, אויף וועלכער דאָס גאַנצע פאָלק רעדט.

אין זיין אַוטאָביאָגראַפיע שילדערט מענדעלי דעם אינערליכן מצב, וועלכן ער האָט דאַן איבערגעלעבט און אַגב אויך די צייט, ווען ער איז אַרויסגעטראָטן מיט זיין ערשטער ערציילונג: „—השאלה: למי אני עמל? לא נתנה דמי לי והביאתני במבוכה גדולה. הן השפה היהודית בזמני היתה כלי ריק, אין בה דבר טוב זולתי להג הרבה, הבלים ודברי תעתועים מעשה ידי פתאים נלעגי לשון, בני בלי שם, והנשים גם דלת העם היו קוראים אותם באין הבן, ויתר העם, אם כי לא ידעו ספר ולשון אחרת, היו נכלמים מאד לקרא בם, פן תודע אולתם בקהל, כי בהמה המה להם, ואם נפתה לב אחד על מחברת יהודית ויבטא בה בשפתים, ויצחק בקרבו, לאמר: הנני קורא כלאוזר יד „ספרי הנשים"—פתיות הנקבות, שדעתן קלות ואך צחוק יעשו לי. וסופתו, אלה בעלי הלשון, אשר אמרו ללשוננו נגביר, שפתנו הקדושה ומה לנו ולעמנו, הביטו על היהדות בגאוה ובוז והזילוה עד מאד. ומה גדלה אפוא מבוכתי בשומי על לבי, כי

אם אשגה בזרה הזאת הלא כבודי בקלון אָמיר. אבל אהבת המועיל גברה בי על הכבוד המדומה ואמרתי יהי מה, ארחם את היהודית, הבת לא רחמה, ועת לעשות לעמי. גם איזו מאנשי שלומי נלוו עלי ויחדיו המתקנו סוד להעיר ולעורר את בעל „המליץ" כי יוציא לאור מכתב־עתי בלשון עמנו. זכרה לו אלהים לטובה, כי יצא לישע עמו במ"ע „קול מבשר" והגדיל תושיה. ותנח עלי הרוח ואכתוב את ספורי הראשון „דאָס קליינע מענשעלי".

מענדעליס אַווטאָביאָגראַפיע און דער אַרטיקל („וואָסהאָד" 1884) פון ליב בינשטאָק, וועלכער איז געוועזן דער נאָהענטסטער פריינד מענדעליס, וואָס האָט צוזאַמען מיט מענדעלין פאַרפאַסט די ערציילונג „לופט־באַלאָן" (לויט זשיול ווערן) און „די פיש, וואָס האָט איינגעשלונגען יונה הנביא" און האָט איבערזעצט אויף רוסיש מענדעליס ראָמאַן „אבות ובנים", גיבן דעם ערשטן, בעסטן מאַטעריאַל פאַר מענדעליס ביאָגראַפיע און זיין ליטעראַרישער טע־טיקייט ביז אין מיטן פון די 80־ער יאָרן.

ב.

אויף דער שאלה, וואָס מענדעלי האָט זיך אַליין געשטעלט: „למי אני עמל", האָט ער זיך באַלד געגעבן דעם ענטפער: „ברייננגען נוצן דעם פאָלק" — און אָט דער ענטפער גייט דורך אַלע זיינע ווערק. אין תוך געגומען, זיינען איינס און דאָס זעלבע די מאָטיוון, וועלכע האָבן באַוועגט מענדעלין אַרויס־געבן לענץ׳ס „תולדות הטבע", פון איין זייט; די זמירות, פרק שירה, דעם לוח הסוחרים, דער נוצליכן קאַלענדאַר, דעם וואַאינסקין אוסטאַוו פון צווייטן זייט און דאָס קליינע מענשעלי, ווינש־פינ־געריל, די טאַקסע, די קליאַטשע, פישקע דעם קרומען, יודל, דעם פריזיוו וכדומה פון דער דריטער זייט.

און אָט די מאָטיוון פון קולטור־טרעגערדיי אין בעסטן און פשוטסטן זין פון וואָרט מאַכן מענדעלין דעם קינסטלער אומעטום

און תמיד פאַר דעם ריינסטן רעאַליסט, פאַר אַ פּרעדיגער, פאַר אַ פּעדאַגאָג, פאַר אַ פּובליציסט. מענדעליס פּאָררעדעס דערציילן דעם לעזער מיט אַ ווייכן האַרץ פון אַ ליבנדן פּאָטער־פאַרזאָרגער, ווי ווייט דאָס פּאָלק איז געפאַלן און ווי נויטיג עס איז, אַז עס זאָל זיך אַרומקוקן אין דער וועלט, וואו עס האַלט. די פּאָררעדעס לאָזען ניט דעם לעזער צו דער ערציילונג גופא, כל־זמן זיי שטעלן אים ניט אויף אַ דרך־הישר, ווי אַרויסצונעמען דעם מיין פון דער דאָזיגער ערציילונג. די פּאָררעדע ביי מענדעלין,—דאָס איז דער תמצית פון דער טענדענץ, וואָס די ערציילונג טראָגט אין זיך, אום בעסער און שענער צו מאַכן דעם יידן.

אַזוינע זיינען די פּאָררעדעס צו דער „קליאַטשע“, „ווינשפינגערל“, „פישקע דער קרומער“, „דאָס קליין מענשעלי“, „טאַקסע“.

„פישקע דעם קרומען“ ווידמעט מענדעלי מנשה מאַרגאָליעסן און אין דער ווידמונג זאָגט ער, אגב:—„מירביידע האָבן אָנגעהויבן אונזער אַרבעט אין דער יידישער ליטעראַטור פּונקט אין דער וועסנע־צייט פון יידישן לעבן דאָ ביי אונז אין לאַנד. דער עולם האָט פון אייער שרייבן געלעקט די פינגער, ווי אַזוי איר זייט אויף יידן אַ מליץ־יושר און לערנט זיי מיט גוטן, גאַנץ פריינדליך, צוקוקן זיך צו זיך אַליין, צו וויסן פון זייער לעבן צוזאָגן, אַ פּנים צו האָבן און זיין לייטן גלייך“.

די „טאַקסע“ ווידמעט מענדעלי דעם אָדעסער שטאָט־גאָלאָוואַ באָזאָסעלסקין, וועלכער האָט אין אַ רעדע אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז די יידישע געזעלשאַפט גופא דאַרף זיך שטעלן קעגן דער טאַקסע. און מענדעלי זאָגט אין דער ווידמונג צום גאָלאָוואַ:—„אין דעם פּאָרליגנדיגן בוך אויף יידיש, וואָס רופט זיך „טאַקסע“, האָב איך זיך געסטאַרעט לויט מיינע כוחות אַרויסשטעלן אַלע אונטערדריקונגען, וועלכע די אָרימע יידישע שיכטן ליידן אויס פון דער קאָראָבקע“.

דער גאַנצער ודוי פון „קליין מענשעלי“ איז לויט דעם אינהאַלט און דער טענדענץ אַ ריין־פּובליציסטישע ווערק מיט די

בעסטע כוונות אָפּצוּווענדן די לעבעדיגע יידישע תקיפים פון דעם שלעכטן וועג, פול מיט גנבות, רמאות, אכזריות, אויף וועלכן דער פאַרשטאָרבענער אברמעלי תקיף איז געגאַנגען. די ליכטיגע טיפּן, וועלכע ווערן אַרויסגעפירט אין „קליין מענשעלי״, פרעדיגן גוּטע, ליכטיגע אידעאַלן, וועלכע ווערן אַנטפּלעקט אין די געשפּרעכן פון גוטמאַנען (אין גוטמאַנען האָט מענדעלי אָפּגעמאָלט גאָטלאָבערן, וועלכער האָט געהאַט אויף מענדעלין אַ געוויסע ווירקונג) מיט יעקבזאָנען:—ווי שיין און גוט עס וואָלט געווען, ווען מען זאָל פאַראייניגן וועלטליכע בילדונג מיט יידישע קענטעניש, מען דאַרף בויען שולן און וואָס מער בילדן דאָס פאָלק—די אידעאַלן פון דער השכלה, פון וועלכע מענדעלי קערט זיך אַליין אָפּ, טיילוויַיז, שוין אין אָנהויב פון די 70-ער יאָרן.

פּובליציסטיק איז דאָס פּאָעמאַ „יודל״ און פּובליציסטיק איז די פּיעסע „דער פּריזיוו״. פּובליציסטיק איז פאַרהאַן גענוג אין דער „קליאַטשע״ און אין „ווינשפינגרל״ און אומעטום ביי מענדעלין אָן אַן אויסנאַם, וו י י ל אומעטום אָן אַן אויסנאַם איז ביי מענדעלין פאַרהאַן אַ טענדענץ, אַ מיין, אַ גוטע כּונה, אַ וואוילע און שיינע זאַך, פאַר וועלכע ער קעמפט און אַ המון עקלהאַפטע זאַכן, קעגן וועלכע ער טרעט אַרויס מיט אַלע זיינע קרעפטן. און אַלץ צום נ ו צ ן פון כלל ישראל, פון די יידישע אָרימע שיכטן, פון אַלע יידן, וועלכן ער האָט גלייכצייטיג אַזוי ליב און אַזוי פיינט.

אין מענדעליס ווערק איז דעריבער פאַרהאַן זייער פיל משלים, רמזים און „באַלערונגען״ און פאַרקערט ס׳פּעַלט דער הויפּט-נערוו פון יעדער פּאָעזיע—די ליבע. „פישקע דער קרומער״ האָט עפּעס יאָ ליב די האָרבאַטע מיידל, אָבער מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס פאַר אַ ליבע קאָן זיין ביי קבצנים נעביך, ביי אָרימע יידישע לייט. ווי קומט ליבע צו קאַבצאַנסק?! קאַבצאַנסק האָט נאָר איין פאַרבאַהאַלטענעם באַגער:—גוואַלד, ווי גוט וואָלט עס געווען, אַז מען זאָל קאָנען פּטור ווערן פון פרעסן! און דער באַ-

גער ווערט שוין געבאָרן מיט דעם יידן אין וויגעלע.

— „אַך, ווען נישט דאָס עסן, ווען נישט דאָס עסן וואָלט דאָס לעבן אין קאַבצאַנסק פאַר הערשעלין קינדוויַיז געווען זעער אַ גליקליכס, ווי אין גן־עדן. דאָס לעבן האָט אים געפרעגט די ערשטע קשיא: הערשעלי, וואָס איז מיט דיר אַזוינס די שמחה"?... („ווינשפינגערל").

און ניט קיין ליבעס און ניט קיין פּאָעזיעס דאַרף אַ קאַב־צאַנסקער ייד האָבן. ער דאַרף נוצליכערע זאַכן האָבן. און מענדעלי שרייבט אַרום דאָס גאַנצע קאַבצאַנסקער לעבן, דאָס לעבן פון גאַנצע עדות יידן מיט זייערע פיינע בריות, מיט די תקיפים, מיט די גוטע און שלעכטע צווישן זיי, מיט די אַלע מנהגים, אַלע תנועות, אַלע פאַרבאַהאַלטענע געדאַנקען און באַגערן, מיט די אַלע אינסטיטוציעס, כביכול, מיט דער קרעטשמע, מיט דעם מרחץ, מיט דעם הקדש און מיט דעם בית־עולם.

דער גאַנצער אַלטער דור גייט־פאַרביי פאַרביי אונז אין מענדעליס ווערק אַזוי קאָנצענטרירט־רעאַליסטיש, אַזוי ניכטער־וואָרהאַפטיג, אַז מען באַגעגענט זיך מיט אים ממש פנים אל פנים, אַז מען ציט אים אַיין אין זיך און מען לעבט אים איבער אין דער פאָרשטעלונג ביז די קלענסטע פרטים.

מענדעליס ווערק זיינען ניט קיין „ראָמאַנען", ניט קיין „ערציילונגען", ניט קיין „פּאָעמען" און ניט קיין „פּיעסן",—דאָס זיינען יידישע קולטור־היסטאָרישע דאָקומענטן פון אַן אומגעהייערן ווערט, וואָס אים איז ניט אָפּצושאַצן און אָפּצומעסטן.

ג.

שוין גלייך אין זיין ערשטן יידישן ווערק „דאָס קליינע מענשעלי" האָט אונז מענדעלי באַוויזן אַ מוסטער פון אַ שפּראַך, וואָס איז אַן יעדן ווידערשטאַנד, אָן טענות און מענות, געוואָרן קלאַסיש פאַר דער יידישער ליטעראַטור אויף אַזוי פיל, אַז זי־

האָט באמת ערצויגן אויף זיך דעם גאַנצן שפּעטערדיגן דור. דאָס גרעסטע און דאָס העכסטע, וואָס מען דאַרף באַוואונדערן אין מענדעלי׳ן, — איז די שפּראַך. און וויפיל מען טראַכט ניט און מען באַמיט זיך ניט צו פאַרשטיין פון וואַנען, ווי אַזוי איז מיט אַמאָל ערשינען פאַר אונז, אָן מאַטערניש, אָן יעדער אַנטוויקלונג, אָן קיין שום חבלי־לידה, אַ פאַרטיגע, אינגאַנצן אַ פאַרטיגע אָפּגע־מאָסטענע און אויסגעליטערטע קלאַסישע שפּראַך מענדעלי׳ס — וויפיל מען טראַכט ניט און מען באַמיט זיך עס ניט צו פאַרשטיין, בלייבט עס פאָרט אַ טיפע רעטעניש, אַ סוד, וואָס קאָן נאָר מגלה ווערן, ווען מען זאָל די דאָזיגע רעטעניש ערקלערן ריין־מעטאַ־פיזיש מיט דער גרויסער אינטויטיווער קראַפט פון פיינפילן און טאַלאַנט, וואָס איז פאַרבאַהאַלטן אין געבוירענעם קינסטלער.

אַדאַנק דער שפּראַך באַקומען מענדעלי׳ס ווערק אַ טיפערן אינערן זין, זייער פּובליציסטיק ווערט דורכגעדרונגען מיט אַ קינסט־לערישן תוך און אַפילו דער טראַדיציאָנעלער „אמר מענדעלע מוכר ספרים" באַקומט אַ העכערן, גרעסערן, רייכערן אינהאַלט. און זאָל אויך דער לעזער ניט פאַרגעסן די צייט, די עפּאָכע. זאָל ער ניט פאַרגעסן, אַז מענדעלי איז ערשינען מיט אַ גאַנצן האַלב־יאָרהונדערט צוריק. אפילו מיט אַ צייט שפּעטער, שוין ביים סאַמע אָנהויב פון די 90־ער יאָרן, איז געווען צו נעמען אין האַנט דאָס בעסטע, וואָס איז דאַן געווען אין דער יידישער ליטעראַטור, — שלום־עליכמ׳ס „פאָלקס־ביבליאָטעק" (קיעוו 1888—89), אום עס זאָל ערשט גרויס ווערן דאָס רעטעניש פון מענדעליס ערשיינען נאָך אין מיטן פון די 60־ער יאָרן, אַזוי ווייט האָט זיין שפּראַך און דער קולטור־היסטאָרישער אינהאַלט, אויך דער קינסטלערישער אינהאַלט, פון זייבע ווערק אַריבערגעשטיגן זיין דור.

ווען מען זאָל אַרויסגעבן אַ ספּעציעלן ווערטערבוך פון מענדעלי׳ס ווערק, אַ בוך, וואָס זאָל פאַרצייכנען און ערקלערן אַלע ווערטער און באַגריפן, סטיליסטיש און קולטורעל־היסטאָריש, וואָס געפינען זיך אין מענדעלי׳ס ווערק — וועלן מיר בעקומען אַ

אוצר, וואָס האַלט איין אין זיך די גאַנצע יידישע שפּראַך און אירע אַלע פאָרמען.

די יידישע ליטעראַטור פאַרמאָגט נאָר נאָך איין מייסטער פון דער שפּראַך, וואָס קאָן געשטעלט ווערן נעבן מענדעלי'ן,— דאָס איז שלום-עליכם. און שלום-עליכם איז טאַקי דער טרייסטער איינ־ציקל מענדעלי'ס. מיר שטויסן זיך אָן אויף דעם גאַנץ אָפּט, לייענענדיג און הנאה האָבענדיג פון זיינע ווערק.

די אָריגינעלסטע מענדעלי'ס ווערטלעך, פּשט'לעך, וואונקע-לעך, די אַלע „נישט דאָס בין איך אויסן", „אַרויס מיט דער שפּראַכע", „אַ האָן שעבעהענער", „פיינע בריות" „פּערד'ס פּוס פּידקאָווע", „בע", „מע", „טאַ",—געפינען מיר ביי שלום-עליכמ'ען ווי אין אַ גילגול.

דאָס כאַראַקטעריסטישע מענדעלי'ס „אַרומשרייבן אַ פאַרשוין" איז אויך ביי שלום-עליכמ'ען פון זעלבן שניט.

די באַרימטע שטעדט מענדעלי'ס—קאַבצאַנסק, גלופּסק, בוי-בעריק און דער באַרימטער טייך גנילאָפּיאַטאָווקע—זיינען אויך ניט פאַרלאָזן ביי שלום-עליכמ'ען. און ווער רעדט שוין וועגן צעטל, וועגן דעם גרויסן צעטל פון די שיינע און פיינע יידישע נעמען: מלכה-טויבע, טריינע-סאָסיע, קיילע-ריקעל, חיה-טריינע (קאָזאַק), בריינדל די זאָגערקע, באָבע יענטע, מומע זעלדע, חנה-לעמיל—נקבות,—און זכרים: ר' שמעלקע, חיים-חנא (לעקיש), שניאור-וואָלף, מאָניש לייבעלעס, מענדל דער געלער, מאָטקע גנבּ?

אפילו, ווען שלום-עליכם זעצט איבער אַזוי קונציג אַ פּסוק, לאָמיר זאָגן—„הבל הבלים—בלאָטע שעבעבלאָטע"—איז דאָ אויך פאַראַן אַן אָפּקלאַנג פון מענדעלי'ן.

היינט ווען שלם-עליכם פירט אַרויס מנחם-מענדלען, אַלס אַ שדכן, וואָס פאָרעט צונויף אין גרויס אַיילעניש, ניט דאָ געדאַכט, צוויי מיידלעך („עס פידלט נישט")—איז דאָס דען ניט דער זעל-בער מנחם-מענדיל, וואָס ביי מענדעלין רופט ער זיך אַלטיר יכנה"ז

אין „פישקע דעם קרומען"?—באמנות, וואָרט ביי וואָרט דערזעלבער.

און ווער זעט ניט אין שלום=עליכם׳ס בריוועלעך די שפורן פון באַרימטן בריוו, וואָס מענדעלי האָט געשיקט צו חיה=טריינע קאָזאַק פון גרויס צער אויף איר פיינעם מאַן ר׳ חיים=חנא לעקיש („פישקע דער קרומער")?

שלום=עליכם איז אַוועק ווייטער פון מענדעלי׳ן אין זיין שאַרפערן און פרייערן הומאָר (ביי מענדעלי׳ן איז דער הומאָר כמעט אויסשליסליך אַ גאַלגען=הומאָר), אין זיין גרעסערער גאַלעריע פון די יידישע טיפּן אין דער נייערער תקופה (ער איז דאָך אַן אייניקל!) און ענדליך, אין דעם אופן פון שרייבן גופא, וואָס זאָגט זיך שוין אַזוי גוט ווי אָפּ פון אַ פּאָרויס=געשטעלטער טענדענץ, מיין אָדער כּונה. אמת—דער ייד פון איצט איז שוין אויך ניט דערזעלבער, וואָס אַמאָל—און פון מענדעלי׳ס קאַבצאַנסק ביז שלום=עליכם׳ס כתריל׳עווקע איז שוין אויך אַ היבשער מהלך.

ס׳איז זעער אַ פרוכטבאַרע און אינטערעסאַנטע טעמע:—מענדעלי און שלום=עליכם, די צוויי גרעסטע יידישע פאָלקס=קינסטלער. עס וועט זיך אַרויסשטעלן די אומגעהויערע באַדייטונג, וואָס מענדעלי׳ס שפּראַך האָט געהאַט אויף די אַנטוויקלונג פון אונזער ליטעראַטור און דער ניט קלענערער קולטור=היסטאָרישער ווערט אויף דורות, דורות לאַנג, וואָס זיינע ווערק האָבן פאַר אונז אַלעמען, און גענומען אין זיין עפּאָכע וועט אויך קלאָר ווערן דער ריין=קינסטלערישער מהות פון מענדעלי׳ס בעסערע בעלעטריסטישע שאַפונגען.

II.

דער ערשטער, וואָס האָט געלייגט דעם יסוד צו דער יידישער ליטעראַטור, — דער זיידע, — האָט געדאַרפט מיט זיינע אייגענע אויגן זעהן, ווי דער פאָטער (פרץ) און דער אייניקל (שלום-עליכם) פון דער יידישער ליטעראַטור זיינען געפאַלן איינער נאָך דעם אַנדערן *). האָט אַ פאָלק ווען ס'איז געהאַט אַזאַ פאַל, ווען זיין ליטעראַטור איז פאַרבליבן אָן אַ טאַטן און אָן אַן אייניקל, נאָר ביים זיידן?! מיר האָבן פאַרלאָרן אונזער גאַנצע האָב און גוטס פון די שפּעטערדיגע דורות און האָבן זיך אָפּגעשטעלט — ביי דעם מיטן פון פאָריגן יאָרהונדערט און ביי... די ערשטע טריט פון דער נייער צייט, וואָס האָט נאָך קיין גאַנצן דור ניט דורכגעמאַכט. דער קערן איז אויסגעפּיקט. ס'איז פאַרבליבן די איי און די שאָלאַכץ. ווען אונזערע „יונגע" זיין די כעמיקער, וואָס וועלן קאָנען אויסוואַרימען די איי אין אַ לעבעדיג נפש און וועלן די שאָלאַכץ פאַרוואַנדלען אין אַ געזונטן, נאַטירליכן געפעס, וואָס האָדעוועט די פרוכט, ביז וואַנען ס'ווערט צייטיג?

מענדעלי איז דער גרויסער „אָנגרייטער" אין אונזער ליטעראַטור. ער האָט באַשאַפן אַלע פאָרבאַדינגונגען פאַר אַלץ, וואָס איז שפּעטער געשאַפן געוואָרן. אָן מענדעלי'ן איז לחלוטן אוממעגליך פאָרצושטעלן זיך שלום-עליכם'ען, און אויב בנוגע פרץ'ן איז דאָס מעגליך, איז דאָס ניט אין דער אַלגעמיינער פּערספּעקטיוו, נאָר מער ניט ווי אין די גרעניצן פון פרץ'ס וועלטל גופא. די אַלגעמיינע פּערספּעקטיוו פון דער יידישער ליטעראַטור איז אָבער אַ קייט, וואָס הויבט זיך אָן ביי מענדעלי'ן און גייט דורך פרץ'ן און שלום-עליכם'ען אַלס די שטאַרקסטע, זיכערסטע ר י נ ג ע ן, ביז וואַנען זי דערלאַנגט צו אַש'ן און צו די ווייטערדיגע.

---

*) י. ל. פרץ איז געשטאָרבן דעם 21 מערץ 1915; שלום-עליכם — דעם 13 מאַי 1916; מענדעלי מוכר ספרים — דעם 8 דעצעמבער 1917.

פרץ איז געשטאָרבן אין עלטער פון 64 יאָר, שלום=עליכם —
אין עלטער פון 57 יאָר; פרץ אין געווען אַ שרייבער 39 יאָר,
שלום=עליכם — 33 יאָר. דאָס איז כמעט דריי פערטל פון דעם פע=
ריאָד, וואָס די גאַנצע יידישע ליטעראַטור עקזיסטירט (פאַר דאָס
ערשטע ווערק, וואָס הויבט באמת אָן אונזער נייע, היינטיגע יידי=
שע ל י ט ע ר אַ ט ו ר, האַלט איך מענדעלי׳ס „דאָס קליין מענשעלי״,
וואָס איז ערשינען מיט 56 יאָר צוריק).

ש ל ו ם = ע ל י כ ם האָט פאַרגרעסערט און פאַרברייטערט
דאָס, וואָס מענדעלי האָט געשאַפן; ער האָט מ ע נ ד ע ל י ׳ ס
קאַבצאַנסק ארויסגעצויגן פון זיינע איינגע ד׳ על ד׳ אמות, און
האָט באַוויזן די גרויסע יידישע כתריליווקע פון איישישאָק ביז
ניו=יאָרק. און ניט נאָר אין שטח איז דאָ דער אונטערשייד, נאָר
אויך אין תוך. פון מענדעלי׳ס קאַבצאַנסק ביז שלום=עליכם׳ס כתרי=
ליווקע איז שוין אַ היבשער מהלך אין די גרעניצן פון דער אָפגע=
האַקטער וועלטל גופא. דער אייניקל איז דאָך ייִנגער פון זיידן!
און אפילו אַ קאַבצאַנסק און אַ כסריליווקע שטייט אויך ניט אויף
איין אָרט, ווען אַפילו עס איז שווער צו זאָגן אויפ׳ן ערשטן
אויגנבליק וואָס אייגנטליך האָט זיך געביטן: דער אינהאַלט צי
די פאָרם. אין יידישן לעבן איז פאָרגעקומען אַזוי, אַז די כתרי=
ליווקע איז געוואָרן אַ ב אַ ו ו ע ג ל י כ ע: שטעלט אייך דייטליך
פאָר אַזאַ מין אומבאַגרייפליכען פאַקט — די פאַרגליווערטע, איינגע=
זויערטע כתריליווקע, וואָס גלויבט באין אופן ניט, אַז ס׳איז פאַ=
ראַן אַזאַ „באַשעפעניש״ ווי אַ באַן, — אַז די דאָזיגע קאָנסערווירטע
מאַסע האָט זיך מיט אַמאָל אַ הויב געטאָן פון אָרט, האָט דורכגע=
שפרייזט וועלטן און ימים און האָט באַשאַפן אין משך פון אַ
וועלכע ס׳איז דריי צענדליג יאָר דעם גרעסטן יידישן צענטר פון
דער וועלט אויף יענעם זייט אָקעאַן! אין מענדעלי׳ס קאַבצאַנסק
איז נאָך אַזוינס געווען משוגה=ווילד, אין שלום=עליכם׳ס כתריליוו=
קע איז עס אַ געשעהעניש פון טאָג איין און טאָג אויס. נאָך מער,
שלום=עליכם האָט אייגנטליך געשילדערטביידע כתריליווקעס:

אין מענדעלי׳ס נוסח און אין דעם נייעם נוסח, די אַלטע און די נייע כתריליווקע. און ווען די נייע כתריליווקע פֿאָרט קיין ניו־יאָרק, פֿירט זי מיט זיך די אַלטע כתריליווקע פֿון איישישאָק. און ווער ווייס עס ניט, אַז אין ניו־יאָרק גופֿאָ איז איישישאָק פֿאַרבליבן איישישאָק?! אָט אַזוי איז שלום־עליכם — דער דיכטער פֿון דער באַוועגלעכער כתריליווקע, בעת מענדעלי איז דער דיכטער פֿון דעם אומבאַוועגלעכן קאַבצאַנסק.

ס׳פֿאַרשטייט זיך, אַז די טיפּן זיינען אויך אַנדערע. ביי מענדעלין זיינען זיי מער איינהייטלעכע, מער איינזייטיגע, — ביי שלום־עליכם׳ען — פֿאַשיידנאַרטיגע, פֿילפֿאַכיגערע, רייכערע אין שפּיל און אין פֿאַרב, אויף וויפֿיל באַוועגונג איז פֿאַרשיידנאַרטיגער און רייכער לויט די מעגלעכקייטן, ווי פֿאַרגליווערטקייט און אָפּגעשטאַנענקייט. מען דאַרף ניט מיינען, אַז איישישאָק האָט גלייך עמיגרירט קיין ניו־יאָרק. ער איז נאָך פֿריהער דורך די שטאָט, די יידישע שטאָט, וואָס אין כמה פּרטים איז עס נאָך אויך אַ שטיק איישישאָק. אַ סברא, אַז אפֿילו גאָר די הויכע יידישע „טוער״ ערגעץ אין דער רעזידענץ זיינען נאָך אויך מנחם־מענדל׳ס און אַז אָן בטחון קאָן בכלל אַ ייד אַ טאָג ניט איבערלעבן, ווען ער איז שוין אפֿילו מכּלומרשט לאַנג, לאַנג אַוועק פֿון כתריליווקע. אָן דעם בטחון, וואָס איז דאָ אייגנטלעך תמיד אַ פּועל־יוצא פֿון באָדנ־לאָזיגקייט. און דערפֿאַר טאַקי איז גאָרניט אַזוי ווייט, ווי מען מיינט, פֿון מנחם־מענדל׳ען ביז טביה דעם מילכיגער...

שלום־עליכם איז דער שריפֿטשטעלער, וואָס שטייט אויף דער מיטן צווישן דער אַלטער (מענדעלי׳ס) און דער נייער וועלט (פֿון אונזער דור). ער שטייט אויף דער גרענעץ צווישן דער כתריליווקע, וואָס איז פֿאַררוקט ערגעץ אין אַן עק, ווייט פֿון אייזנבאַן, און דער נייער כתריליווקע, וואָס האָט שוין אפֿילו אַ טראַמוויי אויף די אייגענע גאַסן...

אַלע קלאַסן און שיכטן פֿון פֿאָלק האָט שלום־עליכם געשילדערט (ביי מענדעלין זיינען ניטאָ און קאָנען ניט זיין קיין

„קלאַסן און שיכטן״, ביי אים איז פֿאַראַן נאָר אַן עדה יידן: גבירים (סענדער בלאַנק); מיטעלע גבירים, רייכערע בעלי־בתּים („איזוויניטי, זאָג איך, מי, זאָג איך, ליודי נעבאָגאַטעיע, נאָ או באַס, זאָג איך, יעסט מאַלענקאָיע, זאָג איך, סאָסטאָיאַניע״); פשוט׳ע בעלי־בתּים (אַלע טאַטעס און מאַמעס אין כּתריליווקע, דער אַלטער און בייער); קבצנים; לופט־מענשן (מנחם מענדל); קליינע מענשעלעך מיט קליינע השגות; מאַדאַמען („אַ ווייסע כּפּרה״); פּאַרלאָרענע נשמות („כּל נדרי״); פילאָזאָפן (טביה דער מילכיגער); ציוניסטן און בונדיסטן („צוזייט און צושפּרייט״); קינדער (אַלע קינדער־ערציילונגען). ניט מער, די קלאַסן און שיכטן זיינען ביי שלום־עליכם׳ען ניט קיין סאָציאַל־עקאָנאָמישע איינהייטן, נאָר יידישליכע, פֿאָלקסטימליכע, וואָס שטימען איין מיט דעם באַשטאַנד פון דער יידישער באַפעלקערונג (הענטלער און בעלי־מלאכות,—קליין־בירגער). און צוגלייך מיט מענדעלין איז טאַקי שלום־עליכם דער סאַמע „יידישער״ פון אַלע יידישע שריפטשטעלער, און לויט דער שפּראַך איז ער אפילו דער גרעסטער יידישער פֿאָלקס־שרייבער, וואָס האָט ניט זיין גלייכן.

שלום־עליכם געהערט צו די ווייניגע נאַציאָנאַלע (און שלום־עליכם איז ניט נאָר אַ פֿאָלקס־שרייבער, נאָר אויך אַ נאַציאָנאַ־לער דיכטער,—וועגן דעם איז דאָ אַ סך וואָס צו זאָגן, און דאָס איז זיך אַ טעמע פֿאַר זיך). דיכטער אין דער וועלט־ליטעראַ־טור, וואָס מען דאַרף זיי ניט אַגיטירן און פּראָפּאַגאַנדירן פֿאַרן פֿאָלק. אַלע לייענען אים, אַלע ווייסן אים, אַלע קוועלן פון אים, אַלע פֿאַרשטייען אים.

אָבער אַלע קענען אים? ס׳איז אַ טעות צו מיינען, אַז שלום־עליכם איז אַן אָפן בוך פֿאַר אַלעמען גלייך. שלום־עליכם איז גראָד דער שריפטשטעלער, וואָס איז אַזוי פּאָפּולער, אַז קיי־נער גיט זיך ניט די מיה צו מאַכן דעם נענטערן, טיפערן אַנאַ־ליז. און איך ווייס ניט צו ס׳איז דאָ אַ פּרוכטבאַרערע אַרבעט, ווי דער אַנאַליז פון שלום־עליכמס ווערק און פון דער באַציהונג צו זיי מצד די פֿאַרשיידענע שיכטן פון יידישן פֿאָלק.

שלום-עליכם איז אַ סאַטיריקער, שלום-עליכם איז אַ הומאָ-ריסט, שלום-עליכם איז אַ קאָמיקער. דריי באַגריפן אינאיינעם. מען פלאָנטערט זיי צונויף, מען זעהט ניט, אַז אייגנטליך ווענדט זיך דאָ אַלץ אָן דעם, וועמען עס לייענט שלום-עליכמען. לויט דעם ווי מען פאַרשטייט שלום-עליכמען, קאָן מען אורטיילן ווער עס לייענט אים, און אַזוי ווי אים לייענען אַלע,—שטעלט זיך אַרויס אַ בילד פון דער יידישער ווירקליכקייט, וואָס רעדט פון שלום-עליכם ווערק צום לעזער און פון לעזער צו שלום-עליכמס ווערק. די מאַדאַם באַגעגענט נאָך אַ מאַדאַם, און מנחם-מענדיל שטויסט זיך אָן אויף זיין צווילינג; און טביה קומט צונויף אין אַ קאָמפּאַניע, וואָס זיי-נען ניט קיין קלענערע קונצנמאַכער אין תופס זיין די וועלט, ווי ער. ניט מער, יעדערער, וואָס דערזעהט זיין פּרצוף וויל זיך ניט דערקענען, און ער לאַכט דאַן, ווען עס נאָגט אים אונטערן לעפעלע.

יעדער איינער פון די אופנים ווי מען פאַרשטייט שלום-עליכמען אַנטשפּריכט אַ געוויסער יידישער סאָציאַלער גרופּע. א סאַ-טיריקער איז שלום-עליכם פאַר די, וואָס שטייען „איבערן פאָלק"; אַ הומאָריסט איז ער פאַרן פאָלק גופא; אַ קאָמיקער פאַר די, וואָס זיינען אַוועק פון פאָלק אָדער ווילן אים ניט וויסן.

די נאַציאָנאַלע גאַלעריע טיפּן, וואָס שלום-עליכם האָט גע-שילדערט, וועט צוזאַמען מיט מענדעלים גאַלעריע פאַרבלייבן אַן אייביגער קוואַל, פון וועלכן מען וועט קיינמאָל ניט אויפהערן צו שעפּן, אום צו דערקענען דעם אמתן אופן פון יידישן לעבן אויף אַ משך פון דער נייערער אַנטוויקלונג (פון דער צווייטער העלפט פון פאָריגן יאָרהונדערט ביז איצט) און פון דער אמתער יידישער פאָלקס-פּסיכאָלאָגיע. אָן שלום-עליכמ'ן (און געוויס אָן מענדעלי'ן, וועלכער איז דאָ אַלע מאָל דער ערשטער, דער אויפ-בויער, דער פונדאַמענט!) פאַרבלייבט די יידישע ליטעראַטור אינ-גאַנצן אַן אויסגעליידיגטע אין הינזיכט פון אַ ברייטערער שילדע-רונג פון יידישע סאָציאַלע טיפּן, וואָס זיינען גענומען פון אַלע

קערן=שיכטן און קערן=גרופּן פון יידישן פאָלק, ווי זיי זיינען גע= ווען (אַ סך האָט זיך שוין געענדערט) און ווי זיי זיינען איצט.

פּ ר ץ האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור גאָר אינגאַנצן נייע, טיפע שטריכן. ער שטייט באַזונדער, אָפּגע= טיילט,—און פון אים הייבט זיך אָן דער נ י י ע ר פּעריאָד אין יידישן ליטעראַרישן שאַפן. ווי אַלע פריערדיגע יידישע שריפט= שטעלער איז פּרץ געווען צום אָנהויב אַ משכּיל, אָבער שוין זיינע משכּיל׳ישע אידעאַלן און די אַרט, ווי ער האָט זיי דורכגעפירט, באַווייזן אויף נ י י ע פאָרמען פון דעם אַ ל ט ן אינהאַלט „בילדן דאָס פאָלק! ברענגען נוצן דעם פאָלק!” ס׳איז גענוג צו דערמאָ= נען פּרצ׳ס „יודישע ביבליאָטעק” (1891) און פּרצ׳ס „יום=טוב= בלעטלעך” (1895). אמת, די צייט איז שוין געווען אַן אַנדערע, אָבער פּרץ האָט אַלעמאָל אַריבערגעיאָגט די צייט און שפּעטער זיינען געווען מאָמענטן, ווען פּרץ איז אַזוי צו זאָגן געקומען צו פרי, ווען ער האָט אַ כאַפּ געטאָן אויף עטליכע דורות ווייטער.

ס׳איז ניטאָ קיין איין פּרץ, ס׳זיינען פאַראַן ע ט ל י כ ע פּרצ׳ן,—אין דעם א י י ן פּרץ...

מענדעלי, שלום=עליכם זיינען פון איין גוס, פון איין אַרט; פּרץ ווייס אַליין אָפטמאָל ניט, וואָס ער איז. ער האָט דער ערשטער אין דער יידישער ליטעראַטור פאַנאַנדערגעטיילט דעם כּלל פון דעם פּרט, די עדה פון דער פּערזאָן; פּרץ איז דער ערשטער יידי= שער „אינדיווידועלער” שריפטשטעלער. ביז אים איז ניט געווען אין דער יידישער ליטעראַטור אַזוינע קינסטלערישע אָביעקטן ווי די נשמה פון יחיד. פּרץ האָט דער ערשטער אַ פרעג געטאָן: „צו בין איך,—איך?” און פון דעם מאָמענט הויבן זיך אָן אין דער יידי= שער ליטעראַטור די אַלע נייערע שטרעמונגען, פאָרמען, זוכע= נישן, פּרובן, וואָס פּרץ איז געווען זייער פאָטער און וואָס די איצטיגע יידישע שריפטשטעלער פירן זיי דורך יעדערער אויף זיין אופן.

פּרץ איז געווען אַ ראַציאָנאַליסט, אַ רעאַליסט, אַ ראָמאַנטי=

קער, אַ סימבאָליסט, אַ מיסטיקער, אַ חסיד. וואָס האָט פּרץ אין אונזער ליטעראַטור ניט איבערגעקערט פון אויבן ביז אונטן? אין דער הינזיכט איז פּרץ געווען דער רעוואָלוציאָנער קעגן די פאָרמען און שאַפונגס־אַרטן פון מענדעלי׳ן און שלום־עליכם׳ן. אָנגערירט האָט ער זיי ניט (זיי קאָן מען ניט אָנרירן, זיי בלייבן און וועלן תמיד בלייבן פעסט, ווי די גרונט־שטיינער פון יידישן קונסט־בנין) און האָט ניט געוואָלט זיי אָנרירן; ער האָט אָבער אין אמת׳ן זין פון וואָרט דורכגעבראָכן די נייע וועגן אין דער קונסט־שאַפונג און מיט דעם האָט ער געבראַכט די נייע ספקות און דעם נייעם גלויבן. צום ערשטן מאָל איז אויפגעשוואומען אין דער יידישער קונסט דאָס פּראָבלעם פון דער יידישער צוקונפט.

און דאָ קאָן מען זאָגן: מענדעלי און שלום־עליכם זיינען די דיכטער פון יידישן עבר און פון יידישן הוה, פּרץ איז דער דיכטער פון דער יידישער צוקונפט. שלום־עליכם איז דער פּאָעט פון דער וואָך, און פּרץ פון דעם יום־טוב. ניט אומזיסט האָט פּרץ אַזוי ליב געהאַט אַלעגאָריעס, און אין דער לעצטער צייט — דעם המבדיל בין קודש לחול...

ס׳איז איבעריג צו זאָגן, אַז פּרץ האָט „איי ראָפּעאיזירט" די יידישע ליטעראַטור (ווי ער האָט אייראָפּעאיזירט די יידישע שפּראַך) און פּונקט אַזוי ווי דורך זיינע דראַמען און אַרטיקלען, ווי דורך זיינע „פאָלקסטימליכע געשיכטן".

פּרץ איז דער שריפטשטעלער, אויף וועלכן מען קאָן זען די פאַרשיידענע עטאַפּן פון דער יידישער ליטעראַטור־אַנטוויקלונג הן אין אינהאַלט און הן אין פאָרם. פּרץ האָט געשריבן רעאַליס־טישע לעבנסבילדער פון די פאָלקס־מאַסן, פון גורל פון דער יידי־שער פרוי, פון פאַנאַטיזם און אָפּגעשטאַנענקייט פון יידישן לעבן („רייזע־בילדער", „מענדל בריינעס", „אַ כעס פון אַ יידענע", „מוסר", „באָנציע שווייג"); פּרץ האָט געשריבן די עכטסטע ראָמאַנ־טישע ווערק („חסידות", „פאָלקסטימליכע געשיכטן"); סימבאָלישע און מיסטישע (די דראַמען); פילאָזאָפישע, קריטישע, סאָציאָלאָגישע,

פּובליציסטישע אַרטיקלען, וואָס אַנטהאַלטן אין זיך אַלע מעגליכע ניואַנסן, אָנהויבנדיק פון ראַציאָנאַליזם און ענדיגענדיק מיט „קבלה׳שען" ליריזם; פּרץ איז אַ „סאָציאַלער" און „אינדיווידועלער" קינסטלער; פּרץ האָט אָנגעהויבן שרייבן העברעאיש פריער ווי יידיש (ווי אַלע יידישע שריפטשטעלער פון דער השכלה־ און נאָך־השכלה־עפּאָכע) און שוין אין העברעאיש האָט פּרץ אַריינגעבראַכט אַ זאַמלונג עראָטישע לידער („העוגב", שירי אהבה — 1894) אין דער צייט, בעת ער האָט שוין געאַרבעט פאַר די „ברייטע מאַסן" און האָט שוין געזאָגט „וואָס ווילן מיר" („ליטעראַטור און לעבן", זאַמלבוך — 1894); און פּרץ דער „העברעער" איז דאָס געווען דער יידישער שריפטשטעלער און דענקער, וואָס האָט אייגנטליך געשאַפן די גאַנצע אַזוי גערופענע „יידישיסטישע" שול.

פּרץ איז קיינמאָל ניט פריי געווען פון טענדענצן. אין אַלע זיינע ווערק, אָן אויסנאַם, בעלעטריסטישע און פּובליציסטישע, זיינען שטאַרק קענטיק כּוונות און מיינען, וואָס געוויינליך איז עס ניט קיין „סימן" פון ריינער קונסט. ביי פּרצ׳ן זיינען זיי אָבער אַזוי צונויפגעפלאָכטן מיט דער גאַנצער מהות פון זיינע ווערק (דערהויפּט אין דער בעלעטריסטיק, און אין זײַער שפּעטערדיגער — מער ווי אין דער פריערדיגער), אַז זיי זיינען אַן אָרגאַנישער טייל פון פּרצ׳ס שאַפונג, ניט צוטראַכטונג. דאָ קאָן מען אויף פּרצ׳ן אַן איבעריגן מאָל זען די בהדרגה׳דיגע אַנטוויקלונג פון יידישן געדאַנק אין דער יידישער שייגער ליטעראַטור.

„די יידישע אינטעליגענץ זעט אין פּרצ׳ן איר גייסטיגן פאָטער". דאָס גופא איז שוין אַ טענדענץ. בנוגע צו מענדעלע׳ן אָדער שלום־עליכם׳ען קאָן דאָס קיינער ניט זאָגן, אַלץ איינס וועלכע שיכט אָדער גרופּע פון פאָלק. און פּרץ איז טאַקי דער גייסטיגער פאָטער פון דער יידישער אינטעליגענץ. זאָל מען אויפריכטיג דורכשטודירן פּרצ׳ס באַציהונג (אפשר קאָן מען זאָגן — עוואָלוציע) צו העברעאיש־יידיש (די וויכטיגסטע עטאַפּן: 1886 — „מנגנות הזמן"; 1888 — „מאָניש"; 1891 — „בילדונג" — אין „יידישער ביבליאָטעק"; 1894 — „וואָס ווילן

מיר״—אין זאַמעלבוך „ליטעראַטור און לעבן״; 1908—פּרצ׳ס רעדע אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ; 1909—„העברעאיש און יידיש״—אין דער „ייד. וואָכנשר.״)! פאַר פּרצ׳ן איז אויך די פראַגע קיינמאָל אַזוי ניט געשטעלט געוואָרן. פּרצ׳ס קונסט, זיינע בעלעטריסטישע ווערק, זיינען די באַשטעטיגונג פון זיינע פּובליציסטישע הנחות פון שפּעטערדיגן פּעריאָד, ווייל ס׳איז דאָך קלאָר, אַז אַ באַוועגונג דאַרף זיך האָבן אויף וואָס אָנצושפּאַרן,—און דער יסוד פון „יידישיזם״ איז געוויס ניט דער אָדער יענער מאמר, נאָר די *קינסטלערישע* ווערק פון פּרצ׳ן,—און פון שלום=עליכם׳ן און פון מענדעלין, ד. ה. פון די, *וואָס האָבן די יידישע ליטעראַטור געשאַפן.*

פּרץ האָט באַשאַפן אַ באַזונדערע וועלט אין דער יידישער ליטעראַטור. ער איז אָבער, פאַרשטייט זיך, ניט אָפּגעריסן פון שלום=עליכם׳ען און פון מענדעלי׳ן. אָן מענדעלין איז ניטאָ דער פונדאַמענט פון דער יידישער ליטעראַטור, אָן שלום=עליכם׳ן איז ניטאָ איר גאַנצע אינערליכע קאָנסטרוקציע, אָן פּרצ׳ן איז ניטאָ איר ווייטערדיגע אַנטוויקלונג, איר פאַרשיידנאַרטיגקייט און פיל=זייטיגקייט, אירע זאַפטיגע קוואַלן, וואָס שפּייזן די „נייע״ און די „יונגע״ יידישע קינסטלער און די יידישע אינטעליגענץ.

אָן מענדעלי׳ן, פּרצ׳ן און שלום=עליכמ׳ען האָבן מיר ניט קיין יידישע ליטעראַטור.

דער איבערגאַנגס־פּונקט

(דוד בערגעלסאָנס, „נאָך אַלעמען").

דאָס וויכטיגסטע ווערק, וואָס איז ערשינען דעם לעצטן צענדליג יאָר אין דער יידישער ליטעראַטור, איז דוד בערגעלסאָנ'ס גרעסערער ראָמאַן „נאָך אַלעמען". דער ראָמאַן איז נאָך שלום אַש'ס „מערי" דער צווייטער ערנסטער פּרוב אַרומצונעמען אין אַ קינסטלערישן ווערק דעם יידישן לעבן, וואָס שטייט אַזוי ווי אויף דער גרעניץ צווישן דאָס אַלטע און נייע. דאָס אַלטע יידישע לעבן, וואָס מענדעלי מוכר ספרים האָט אונז אַזוי קלאַסיש געמאָלט, איז שוין דורכן שטראָם פון דער צייט לאַנג איינגעבראָכן און געענדערט,—און אַפילו אין דער שפּעטערדיגער יידישער שטעטל, וואָס אַש האָט אַזוי ראָמאַנטיש באַזונגען, האָבן זיך שוין באַוויזן נייע שפּראָצונגען און זיינען אָנגעקומען נייע לידער.

די שפּראָצונגען זיינען צאַרט און די לידער—עלעגיש, אָט די שטימונג, וועלכע באַשאַפט זיך אין בין־השמשות. נאָר די נאַכט איז שוין איבערגעהיפּט. די דעמערונג, וואָס פאַר דעם זונען־אויפגאַנג. דער האָן האָט נאָך ניט געקרייט, און אַלץ איז נאָך אַזוי נעפּלהאַפט.

די זון איז אָבער ניט אויפגעגאַנגען.

דאָס איז געווען אַ פּאָר יאָר פאַר דער וועלטמלחמה. די לופט איז באמת געווען ווי פאַר אַ געוויטער. אין די קרייזן פון דער יידישער אינטעליגענץ האָט זיך דאַן געמערקט אַ באַזונדערע, טיפע שטימונג פון מיסטישע פאָרגעפילן, פון גאָטזוכענישן און פסיכישע גריבלערייען. דאָס אַלטע האָט קיינעם ניט באַפרידיגט, מען האָט געזוכט צו פאַרטיפן זיך אין די אינערליכע איבערלעבונגען און קומען צו זיך,—„צוריק אין געטאָ",—נאָך דער „אַנטוישונג

אין אייראָפּע און קולטור". אייניגע האָבן אַפילו ערנסט געטראַכט וועגן פאַרשליסן זיך אין בית-מדרש און ישיבה,—ביי יידן איז דאָך קיין מאָנאַסטיר ניטאָ און קיין מאָנאַך קאָן מען דאָך ניט ווערן...

און איבער אַלץ איז געהאַנגען אַ טונקעלע שטילקייט, אַ רעליגיעז-באַפאַרבטע אומרוהיגקייט.

אַן אומבאַוואוסטזיניגער איבערגאַנגס-מאָמענט.

דער שילדערער פון אים דאַרף זיין אַם מערסטן אַ פּסיכאָלאָג, דאַרף פאַרמאָגן שטילע, אינעווייניגסטע טענער, די רוהיגע פאָרם פון זיינע ווערטער דאַרף אַנטהאַלטן אין זיך דעם הינטערגרונט, וואָס וואַרפט די שיין אויף דאָס גאַנצע ווערק, און ווען מען לייענט—וויברירט דאָס האַרץ.

בערגעלסאָן פאַרמאָגט אָט די ווערטער און טענער.

ער גייט ווייטער פון פּרץ'ן אין שילדערן דעם יחיד, די פּערזענליכקייט,—און אָנגעהויכט מיט קנוט האַמסון'ס סטיל, פאַרבלייבט ער דאָך יידישליך.

די יידישע קריטיק האָט שוין טיילווייז בכלל גאַנץ ריכטיג פאַרמולירט אייניגע אַלגעמיינע שטריכן פון בערגעלסאָנס ליטעראַרישער כאַראַקטעריסטיק, דהיינו:

— ביז איצט האָבן די יידישע שריפטשטעלער געשילדערט דאָס יידישע לעבן אַזוי ווי עס איז איצט, אַזוי ווי עס איז געווען. זיי האָבן געשילדערט מערסטנטייל די סטאַטיק פון יידישן לעבן. בערגעלסאָן האָט אָנגעהויבן מאָלן דאָס יידישע לעבן אין זיין באַוועגונג, אין זיין פליסן, אין זיין ענדערונג, אין זיין דינאַמיק. צווייטנס, האָבן ביז איצט די יידישע שריפטשטעלער געהאַט צו טאָן אַלץ מיטן כלל. אַפילו פּרץ, דער אינדיווידועלסטער און טיפסטער פון די יידישע קינסטלער, האָט ניט אַזוי געמאָלט די יידישע פּערזענליכקייט, ווי די יידישע פאָלקס-פּסיכאָלאָגיע אין דער געשטאַלט פון יחידים. ביי די יידישע קלאַסיקער פאַרנעמט דעם אויבן-אָן די עדה יידן, דער אַלגעמיינער טיפּ. בערגעלסאָן מאָלט דעם פּרט, די פּערזאָן. פאַר אים עקזיסטירט דער איינצעלנער מענש מיט זיינע ליידן, איבערלעבונגען, שטימונגען. פאַר אים איז

יעדער ייד אַ באַזונדערער מענש, און יעדער מענש אַ באַזונדער וועלט. ניט מער, די סביבה, די געזעלשאַפט איז, פאַרשטייט זיך, אַ גאַנץ קאָנקרעטע, אַ יידישע. מיט איין וואָרט — בערגעלסאָן געהערט צו דער ריי מאָדערנע אייראָפּעאישע קינסטלער, וואָס די פּערזענליכע איבערלעבונגען און שטימונגען פון יחיד איז פאַר זיי דער אינהאַלט און דאָס פּראָבלעם פון זייער ווערק, באופן, אַז פון יחיד זעט מען די געזעלשאַפט, פון פרט — דעם כלל.—

אַזוי איז אין בערגעלסאָנס ראָמאַן מיט יעדער איינער פון די אַרויסגעפירטע פּערזאָנען, און אַזוינס פילט זיך אויך בכלל אין דער גאַנצער אַטמאָספער פון ווערק.

די האַנדלונג פון ראָמאַן קומט פאָר אין אַ קליין יידיש שטעטל אויף דרום־מערב רוסלאַנד אין פאַר־דער־מלחמה־צייט, — ביי אַן עכטער יידישער סביבה פון רייכן יידישן שטעטלדיגן סוחרים־שטאַנד. נאָר דאָ און דאָרט קלייבט זיך די האַנדלונג איבער אין צענטער פון דרום־מערב רוסלאַנד — אין די גרויסע שטאָט קיעוו.

אין ראָמאַן ווערן געשילדערט דריי רייכע יידישע סוחרישע פאַמיליעס: בורנעס, הורוויץ און זיידענאָווסקי. די ערשטע צוויי וואוינען אין שטעטל, די דריטע — אין פאַרשטאָט פון גרויסן כרך. בורנעס איז אַן אויפגעקומענער גביר, אַן אויסגעאיידלטער עם־הארץ, אַן אַרענדאַטאָר פון גרויסע ערד־נחלאות; הורוויץ איז אַ בן־תורה, אַ גייסטיגער אַריסטאָקראַט, די יחוס פון שטעטל, אַ וואַלד־סוחר; זיידענאָווסקי — אַ גאַנץ איידעלע, וואוילע און שטאַרק־רייכע יידישע פאַמיליע, האָט אַן אייגענע גוראַלניע און גרויסע אָקסן־שטאַלן.

חוץ די דריי פאַמיליעס ווערן אין ראָמאַן געשילדערט אַ גאַנצע ריי איינצעלנע פּערזאָנען:

בורנעסעס זון, וואָווע, אַ זיבן־און־צוואַנציג־יאָריגער וואוקסיגער און שענער בחור, אַ סבלן און אַ שטילער, „האָט געהאַלטן פון אויפגעקומענעם און גביריש שווייגנדיגן טאַטען און האָט גע

וואָלט, אַז ביי זיי אין שטוב זאָל אַלץ צוגיין אַזוי שטיל און ליי־טיש, ווי ביי די פּריצים, וואָס מיט זיי האָט ער דורכן פּאָטער פון זעכצן יאָר אָן עסקים געהאַט״; זיידענאָווסקיס זון, שמואליק, „אַ לייטישער בחור, מיט אַן אייראָפּעאישן אויסזען״, אַ גוטער און אַ ווייך־הערציגער, פּירט דעם טאַטענס געשעפטן; נתן העלער, זעער אַ שיינער בחור, ניט געענדיגט שטודירן, „אַ גרינגער אויף דער דעה, וואָס האָט מיט זיין פּוסטקייט דערמאָנט אָן אַן אַרויס־געטריבענעם, גרויסשטעטיגן סטודענט״, טראָגט זיך מיט פּלענער און גיט צום סוף אַרויס אַ קאָפּיקע־צייטונג, וואָס אָנשטאָט גליק־ליכע געשעפטן, ווי ער האָט גערעכנט, ברייגנט זי אים גאָר אויס דאָס לעצטע ביסל געלד; מאָנטשיק, שמואליקס שוועסטערקינד, אַ יונגער, זעער סימפּאַטישער, אייביג־פאַרטראָגענער קיעווער סוחר; אַקושאָרקע שאַץ, אַ פאַרעלטערטע מיידל, וואָס וואוינט איינזאַם און פאַרוואָרפן אין דאָרף, מיט אַ פאַרגאַנגענהייט, מסתמא אַ טראַ־גערייע אין פּערזענליכן לעבן און אָן אַ צוקונפט; העברעאישער פּאָעט הערץ, וואָס זיינע קליינע, טיף־אַיינגעגראָבענע אויגן האָבן אַזוי אָפט געשמייכלט מיט אַ גרינעם אָפּגלאַנץ און דער טאָן פון זיינע ווערטער האָט געקלונגען אַזוי ווערטלדיג און לצנות׳דיג פון זיך און פון יענעם, אַ טאַלענטפולע, דורכאויס אינטערעסאַנטע פּערזאָן, וואָס וואַלגערט זיך איבער אייראָפּע און קומט פּלוצלונג פון צייט צו צייט אין דאָרף אַריין צו דער אַקושאָרקע שאַץ אין געסט, אַזוי זיך, פון גלייכגילטיגקייט צי פון טרויער אָדער אומעט, איז אָפּ עטליכע טעג און פאָרט ווידער אַוועק קיין אויסלאַנד, ערגעץ וואו אין דער שווייץ; קרומער סטודענט ליפּקיס, וואָס וואוינט קאָניקול־צייט מיט זיין אָרימער מוטער אין שטעטל און לעבט פון געבן שטונדן; אידאַ שפּאָליאַנסקאַ, פון הורוויצעס פאַמיליע, — „אַ ווייבליך־אויסגעלאַסענער שטאָט־פאַרשוין, וואָס איז שטאַרק רייך און וואָס פעלשט אָן אַוועקגעפאָרענעם מאַן״, אַליין פיגורירט זי ניט אין ראָמאַן, נאָר איר ווירקונג פילט זיך בולט אין די לעצטע אַקטען פון דער האַנדלונג; דער רב און די רביצן פון שטעטל, איבער־

הויפּט דער רב, וואָס איז געווען אַ פּערזענליכער גרויסער פריינד פון הורוויצען; נחום טאַראַבײַ, אַ פריילליכער ייד, וואָס וואוינט אין דאָרף נעבן דער גרויסער צוקער=פאַבריק און פאַרדינט גאָר געשמאַק; און אַ ריי נעבן=פּערזאָנען און עפּיזאָדישע פיגורן. אַ גאַנצן אוצר פון פּסיכאָלאָגישע מאָמענטן פירט אונז דאָ בערגעלסאָן דורך, און אַ גאַנצע גאַלעריע טיפּן און כאַראַקטערן, וואָס זיינען ביז אים אָדער גאָר ניט געווען געשילדערט אין דער יידישער ליטעראַטור אָדער זיי זיינען געווען געשילדערט איינזייטיג, פון שטאַנדפּונקט פון דער אַלגעמיינער יידישער לעבענס=אַרט, ניט פון פּערזענליך=פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט.

אין צענטער פון דער גאַנצער האַנדלונג אין ראָמאַן שטייט ר׳ גדליה הורוויטשעס הויז. מיר זעהען ווי דאָס הויז,—דאָס אַלט יידיש הויז,—ווערט חרוב. מיר זעהען דאָס הויז ביי געוויינליכע באַדינגונגען, פאַר דער גסיסה, דערנאָך זעהען מיר דעם אָנהויב פון סוף און צולעצט—דעם נאָך אַלעמען. אַן עפּאָפּעע פון יידיש לעבן גייט פאַר אונז פאַרביי, ניט קיין געפּעלשטע, ניט קיין אידעאַליזירטע, ניט קיין איבערגעטריבענע. און די עפּאָפּעע איז גענומען ריין=אינערליך, ווי אַ טיף דורכדרינגענד בילד פון צושטערונג אין אַן אַלטער יידישער פאַמיליע. אויסערליך—זיינען שולדיג די שלעכטע געשעפטן, אָבער אין דער אמת׳ן ליגט גאָר אפשר די גאַנצע שולד אין דעם, וואָס ר׳ גדליה׳ס איינציגע טאָכטער, די בת=יחידה פון דעם הויז, מירעלע, איז אַזאַ מאָדנער און אומפאַרשטענדליכער מענש, וואָס טוט אַזוינע מאָדנע און אומפאַרשטנדליכע זאַכן. ווי אַ שטילע עלעגיע איז מירעל, וואָס ווייס ניט צו וואָס זי לעבט און וואָס האָט זי צו טאָן. און ווי אַ שטילע עלעגיע גייט אויס דאָס אַלטע יידישע אַריסטאָקראַטישע הויז.

מירל איז דער מיטל=פונקט פון גאַנצן ראָמאַן, פון דער גאַנצער האַנדלונג, פון דער גאַנצער ריי פּערזאָנען און פיגורן, וואָס ווירקן אין ראָמאַן. און דאָס ווערק האָט אייגנטליך געדאַרפט הייסן „מירעלע", ווייל פון דער ערשטער ביז דער לעצטער שורה

איז עס פול מיט איר,—מיט אָט דער שייגער, צאַרטער, געהיימניספולער יידישער טאָכטער פון דער נייער צייט.

און אפשר האָט גאָר מירל קיין שייכות ניט צו דער צייט אין באַגרעניצטן זין פון וואָרט. אַזאַ כאַראַקטער ווי אירער, איז צו קאָמפּליצירט, צו פיל מיט סימבאָלן און אינטואיציע, צו פיל באַאיינפלוסט פון אומראַוואוסטזיניגע, סטיכישע קרעפטן, וואָס לאָזן זיך ניט אַנאַליזירן, אום מען זאָל זי קאָנען איינפאַסן אין די רעמלעך דוקא פון דעם און דעם פעריאָד. אויב מיר זאָלן אָבער אונטער דעם באַגריף „נייע צייט" פאַרשטיין די פאַרוויקעלטקייט פון דעם מענשענ׳ס נשמה, די עקסטע פונקטן, צו וועלכע זי רייסט זיך און געפינט דעם וועג ניט, די מיסטיק, דאָס אומדערקלערליכע, וואָס באַהערשט דעם געמיט פון מאָדערנעם דעקנענדען און פילענדן מענשן, ווען ער זוכט און בלייבט פאָרט שטיין ביים פראַגע=צייכן און ביים באַוואוסטזיין, ביים פילן, אַז ניט דאָס, ניט דאָס, נאָר עפּעס אַנדערש דאַרף זיין, און אַז סוף כל סוף איז, דוכט זיך, גאָר אַלץ אָן אַ ציל,—דאַן געהערט מירל אויך צו דעם באַגריף; דאַן גייט די יידישע מירל אַרונטער אונטער דיזעלבע מיסטעריען, ווי דער נאָרוועגישער נאַגעל.

געוויס זיינען די סביבות אַנדערע—און די אויסערונגען אַנדערע. מירל איז ניט נאַגעל. דער גאַנצער מאַסשטאַב איז בכלל אַ דורכאויס אַנדערער. אָבער דאָס אַלמענשליכע בלייבט אַלגעמיין,—און דער תוך, דער מיטל=פונקט פון כאַראַקטער בלייבן דיזעלבע.

מירל האָט גע׳ירש׳ענט פון איר פאַמיליע דעם אַריסטאָקראַטיזם פון גייסט, זי ווייס אָבער מיט אים ניט וואָס צו טאָן. זי איז פון דער פאַמיליע געצערטעלט און געאיידעלט, ווי אַ בת=יחידה אַ מפונקת, אָבער דאָס גיט צו נאָך מער פאַרטראַכטקייט און טרויערקייט צו איר גאַנצער דין=געבויטער מהות. דאָס איינציגע, וואָס זי איז יאָ ביכולת איז—פיל טראַכטן וועגן זיך. פון תמיד אָן איז זי געוויינט פיל וועגן זיך צו טראַכטן, אָבער דאָס טראַכטן פאַרפלאָנטערט איר נאָך מער דעם טומל אין לעבן און זי טראַכט

גאָר ניט אויס. זוכט זי עפּעס ווייטער. צו זי וועט געפינען, ווייס זי קיינמאָל ניט, נאָר אַוועקגיין מוז זי. זי מוז דאָך עפּעס גע־פינען.

אָט האָט זיך גאַנצע פיר יאָר געצויגן צווישן איר, מירלען, און וואָווע (וועלוועל) בורנעס׳ען דער היימישער קליינשטעטלדיגער שידוך, — און צום סוף האָט זי, מירעל, אים די תנאים צוריק אָפּ־געשיקט און האָט אָנגעהויבן אַרומצושפּאַצירן מיט׳ן קרומען סטודענט ליפּקיס. בלייבט דער וואוילער, ערליכער, פּשוט׳ער וואָווע בורנעס אַן אומגליקליכער דעם גאַנצן לעבן און אַזוי וועט ער זיך שוין ניט באַרוהיגן נאָך מירלען. האָט מירעל גאָר חתונה מיט שמואליק׳ען זיידענאָווסקי׳ן, נאָך לאַנגע מאַטערניש, נאָך פיל טראַכטעניש און נאָך עטליכע מאָל אָפּלאָזן די גאַנצע זאַך: צו וואָס דאַרף זי עס? פיינינגט זיך נעבעך דער גוטער, ווייכהאַרציגער שמואליק נעבן דער שווייגעדיגער, שטילער מירעל, וואָס פאַרשטייט נאָך אַלץ ניט, וואָס אייגנטליך פאַר אַ שייכות האָט זי, מירל, מיט אָט דעם שמואליק׳ן, וואָס הויבט איר אין פלוג גאָר ניט אָן צו אינטערעסירן. און דאָרט ערגעץ ווייט שמאַכט ליפּקיס, אָט דער קרומער סטודענט, מיט וועלכן זי האָט אין שטעטל אַרומגעשפּאַצירט, שמאַכט נתן העלער, וואָס ער שרייבט איר בריוו, אַז ער קאָן אָן איר ניט לעבן; און אויך מאָנטשיק, דער אַזוי שטאַרק־פאַרנומענער און שטענדיג־צו־טראָגענער געשעפטס־מענש, גיט גאָר מירלען געדעכט, ווען די זיידענאָווסקיס שיקן אים צו מירלען אַריין, ער זאָל זען מאַכן אַ סוף צווישן איר און שמואליק׳ן; און געזעסן איז ער גאָר לאַנג, לאַנג ביי איר און ער, דער געשיקטער פון דער שוויגער, האָט אַלץ בשום אופן ניט געקאָנט אָנהויבן:

„יאָ, וואָס־זשע קלערט זי וועגן שמואליק׳ען? וואָס שטעלט זי זיך פאָר, קאָן פון אַזאַ לעבן זיין דער תּכלית?“

האָט ער דאָס טאַקי ביז׳ן סוף ניט געזאָגט. איז ווייטער געזעסן, האָט אָן זיינע הונדערטער געשעפטן פאַרגעסן צוטראָגענער־הייט, און ווען ער איז אַרויס און מען האָט אים אַרומגעשטעלט,

האָבן גאָר זײַנע שוואַרצע אויגן בײַ אים געשטראַלט — זיי האָבן אויסגעזען פּאַרחלומ׳ט און האָבן געקוקט אויף די אַרומיקע מיט זייער גאַנצער אויסגעגלאָטשטער גרייס.

„וואָס קאָן מען האָבן צו מירלען?... ער איז דאָרט איצט געזעסן אַקעגן אַ שעה... זאָגענדיק דעם אמת: ער ווייס ניט, ווען ס׳איז איצט ערגער — מירלען צי שמואליק׳ן".

און מאָטשיק, וואָס האָט זעער ליב שמואליק׳ן, נעמט גאָר אַ נאָגטן אָנטייל אין מירעל׳ס צד און בײַ די זיידענאָווסקי׳ס הויבט מען אָן קוקן אויף אים מיט חשד. די שוויגער האָט אים שוין גלייך אין פּנים ניט געקענט קוקן. און אַמאָל איז אומבאַוואוּסטערהייט, אים גאָר אין קאָפּ אַרײַנגעקראָכן אַ נאַרישער געדאַנק אַז ער, מאָטשיק, זאָל כּלומר׳שט קענען אַמאָל חתונה האָבן מיט מירלען...

און דער ערנסטער, קלוגער העברעאישער פּאָעט הערץ, וואָס פלעגט אַראָפּפאָרן צו געסט צו דער אַקושאָרקע שאַץ, האָט מירלען דערזען, האָט איר שוין באַגלייט אַהיים און האָט זיך אָנגעהויבן צו דרייהען אַרום איר שטוב, — און שפּעטער, גאָר שפּעטער, ווען אַלץ איז שוין געווען נאָך אַלעמען: ר׳ גדליה הורוויץ געשטאָרבן, דאָס הויז צופאַלן, פון זיידענאָווסקי׳ס שטוב אַנטלאָפן, — האָט זי, מירל, הערצ׳ן פון אויסלאַנד אַרויסגערופן און דווקא צוריק צו זיך אין שטעטל, וואו זי האָט ביים רב אין שטוב געוואוינט, און האָט צום סוף ניט געוואוסט צוליב וואָס זי האָט עס געטאָן.

פריהער איז זי אין שטעטל ניט געפאָרן, בעת דער טאַטע איז געווען קראַנק, און איז אפילו ניט געקומען אַהין, בעת ער איז געשטאָרבן. אַליין איז די מאַמע אירע, גיטעלע, פון שטעטל אַוועקגעפאָרן. „אין חדר איז געווען שטיל, און אַ פּוסטקייט פון נאָך אַלעמען האָט זיך געקלעפּט צו די ווענט און צום באַלקן און דערמאָנט, אַז ר׳ גדליה איז שוין טויט, און אַז גיטעלע האָט שוין אין ערגעץ קיין אָרט ניט".

שוין אין טאָג פון גיטעלעס אַוועקפאָרן האָט מען אַ סטאָלער

געדונגען און מען האָט אים געהייסן פון דרויסן מיט ברעטלעך די פענסטער פאַרשלאָגן.

ערשט אין עטליכע וואָכן אַרום איז זי מיט אַמאָל אין שטעטל אַראָפּגעקומען און בעת צו איר איז געקומען צו פאָרן מאַנטשיק, אום איבעררייידן, אַז זי זאָל זיך צוריק אומקערן צו איר מאַן, וואָס גייט אום, זינט איר פאַרלאָזן זיידענאָווסקי׳ס הויז, ווי משוגע,— האָט זי, מירל, אים, מאַנטשיקן, פון ווייטענס אָנגעוויזן אויף בור־געס׳עס וואוינונג און דערנאָך איז זי געגאַנגען מיט אים איבער׳ן גאַס, און האָט אים צוגעפירט צו איר פאָטערס פוסטער שטוב און אים באַוויזן:—אָט דאָס איז געווען מיין צימער.

„אויפ׳ן גאַניק האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און האָבן ביידע דורך די אויסגעשלאָגענע שויבן אינווייניג די קעפּ אַריינגערוקט".

מירל האָט זיך ניט געלאָזט איבעררייידן און האָט מאַנטשיק׳ן קאַטעגאָריש געענטפערט:—ס׳וועט קיינמאָל ניט זיין... איר הערט, מאַנטשיק, קיינמאָל!

צו שמואליק׳ן האָט זי זיך ניט אומגעקערט. פאַרוואָס? און פאַרוואָס איז זי פון אים אַנטלאָפן? און פאַר וואָס איז זי פון פאָטערס שטוב אַנטלאָפן אַמאָל, נאָך מיידלווייז, און איז אָפּגעווען ביי דער אַקושאָרקע שאַץ אַ היפשע צייט? און פאַרוואָס האָט זי מיט וואָווע בורנעס ניט חתונה געהאַט און מיט שמואליק זיידענאָווסקין יאָ? און פאַרוואָס איז זי אין די ערשטע חדשים פון איר טראָגן אַליין צו אַ דאָקטאָר אַוועק און דעם פרוכט קינסטליך געלאָזט טויטן? און פאַר וואָס האָט זי שפּעטער, שוין גאָר שפּעטער, בעת עס איז שוין געווען נאָך אַלעמען, וואָווען אַמאָל אין טאַש פון זיין פאַר־כאַלאַט אַ שטיקל פּאַפּיר אַריינגערוקט, וואָס אויף אים איז געשטאַנען פון איר האַנט געשריבן: „דו בינסט אַ וואוילער"?

„און וואָווע בורנעס האָט עס געלייענט איבער׳ן גאַנצן וועג אַהיים, עס עטליכע טעג אַרומגעטראָגן אין זיין טייסטער צווישן די אַסיגנאַציעס און עס צו לעצט באַהאַלטן אין אַ באַזונדער שפּלאָדל, וואָס ביי אים אין פייער־קאַסע".

און פּאַרוואָס פּלעגט זי גיין צו נתן העלער׳ן אין צימער אַריין אויף גאַנצע אָוועגדן און צו אידאַ שפּאַליאַנסקאַ׳ן? און פאַר־וואָס און אויף וועמען האָט זי, ענדליך, הערצ׳ן געדאַרפט?

יאָ, מירל אַליין ווייס עס ניט. געוויס. אָבער זי, מירל, האָט מיט קיין זאַך שלעכטס ניט געמיינט. איז זי דאָך ניט שולדיג, וואָס די ליבע צו איר איז שטאַרק ווי דער טויט. און איז זי דאָך אויך ניט שולדיג, וואָס זי ליידט אַזוי. זי האָט אַלץ געמיינט, אַז עס וועט גוט זיין. אָט נאָר דעם איין פּלאַן דורכפירן.

„ס׳איז דאָך אַן אומגליק, אַן אומגליק... אַזאַ מין אומבאַ־האָלפענקייט... סך הכל איין פּלאַן באַדאַרף זי האָבן. און דער פּלאַן זאָל ניט זיין, און אוממעגליך זאָל זיין אים צו געפינען!״

מירל גופא לעבט גאָר ניט, אין דער אמת׳ן. זי ליגט גאָר איינע אַליין אָן אַ זייט און זי זעט פון דערווייטן ווי מענשן לעבן.

„זי, די שלאַנקע און אומעטיגע, לעבט ניט ווי אַלע מענטשן, נאָר זי גייט איינע אַליין אַרום ביי דער זייט פון לעבן, אויפ׳ן עולם התהו און פּלאָנטערט זיך דאָרט פון קליינערהייט אין אַ לאַנגן פאַרוואָגלטן חלום, וואָס האָט ניט קיין אָנהויב און קיין סוף, און וועט שוין אין ערגעץ ניט אָנקומען״.

און ביידע עקן לעבן זיינען איר אויך פרעמד. ניט זי קאָן זיך אָפּגעבן דעם שוים פון לעבן, זיין פּסולת, און אין זנות און שאַנטאַן דעם לעבן פאַרשווענדן,—און ניט זי קאָן אין מאָנאַסטיר אַוועקגיין, אָדער גאָר זעלבסטמאָרד באַגיין...

זי היינגט צווישן די צוויי פּאָטומען און איז אַזוי ווי פאַרצ־לידערט פון זייער קעגנזייטיגע און קעגנזעצליכע ווירקונגען.

קאָן מען אפשר בלייבן מיט אַ גאַנץ האַרץ, ווען מען זעט מירל׳ס ליידן, וואָס קומען פון אינגווענינ און זיינען אַזוי אומזיניג און אומנוציג, ווי דאָס גאַנצע לעבן אירס, און ווען מען הערט אירע ווערטער דערביי? דאָס בלוט טריפט טראָפּן ביי טראָפּן— און צוזאַמען מיט די פּילע, וואָס האָבן זיך געטראָפן אין מירל׳ס

לעבן און, איינמאָל דערזעהענדיג זי, האָבן זיי שוין קיינמאל ניט געקאָנט אַוועקגיין,—באַקומט איר זי אויך ליב, מירלען...

„מיט איבערגעפלאָכטענע הענט אונטערן קאָפּ ליגט מירל אין בעט אויפן אייגענעם אָרט, וואו די אַקושאָרקע שאַך האָט זי געלאָזט, בעת זי האָט זיך געמוזט אין שטעטל צו אַ געווינערין אַראָפּכאַפּן און זיך דאָרט אַ פּאָר שעה אָפּזאַמען. מירל קוקט נאָך אַלץ ערגיץ־וואוהין צום באַלקן און הויבט פּלוצים אָן צו ריידן שטיל וועגן דעם, וואָס זי האָט דאָ די גאַנצע צייט געטראַכט:— אַזעלכע מענטשן ווי זי, מירל... אָדער זיי ווערן זיינגעריִנס אין די שאַנטאַנען, אָדער זיי נעמען זיך דאָס לעבן.—קאָן זי אָבער פאַר די שאַנטאַן־הייזער ניט זינגען און ניט לאַכן, און כדי צו באַגיין זעלבסטמאָרד...

דאָ האָט זי, ליגנדיג אין בעט, איר שלאַנקן און בויגיגן קערפּער אַזוי שטאַרק אַראָפּגעבויגן, אַז אין פּנים האט זיך איר דאָס גאַנצע בלוט אַריינגעגאָסן, אַנטפּלעקט די הענט ביז צו די אַקסלען, זיי פאַמעליך פון אַלע זייטן באַטראַכט און זיי אויך אַזוי פאַמעליך גענומען גלעטן:—אַזעלכע שיינע הענט... זיי טוען איר באַנג יעדן מאָל, וואָס איר קומט אויס וועגן זעלבסטמאָרד צו טראַכטן”...

און איינמאָל גייענדיג מיט מאָנטשיקן איבער איר שטעטל, האָט אים מירל, צווישן די רייד, געזאָגט, אַז זי מוז שוין פון זיידע־נאָווסקיס שטוב ערגעץ אַוועקגיין, הגם זי ווייס אפילו ניט וואוהין זי וועט נאָכן גט אַהינקומען און צו זי וועט שוין אפילו די ערשטע וואָך האָבן פון וואַנען אַ טאָג איבערצוקומען,—האָט זי, מירל, אים אַ זאָג געטאָן וועגן זיך אַזוי שטיל און פאַרטראַכט:

„אָט האָט זי דאָ ניט לאַנג טורגעניעוו׳ס אַ בוך נאָך אַמאָל איבערגעלייענט: אַ רוסישע מיידל קאָן מער ניט אויסקומען מיטן לעבן, וואָס אַרום, גייט זי אַוועק אין מאָנאַסטיר, און ס׳ווערט פון איר גאָרניט. און זי, מירל—זי איז שוין ניט קיין מיידעל׳ע, און דער מאָנאַסטיר איז פון איר אַזוי ווייט און ווייזט איר אויס

אַזוי נאַריש. מ׳האָט זי פון קליינערהייט ניט געלערנט זיין רעליגיעז. זי קאָן מער מיט די אַרומיגע צושטאַנדן ניט אויסקומען, מוז זי אַוועקגיין ווייטער:—צו זי וועט עפּעס געפינען, ווייס זי ניט, נאָר אַוועקגיין פון זיי וועט זי״.

איז וואָס איז מירל—האַלב פּראָסטיטוטין=האַלב מאָנאַכין?

שווער אויף דעם צו ענטפערן, ווי שווער עס איז מירלען צו געפינען דעם פּונקט אין לעבן.

אָט האָט זי שוין פיר און צוואַנציג יאָר אָפּגעלעבט און איר דוכט זיך נאָך אַלץ, אַז „קיין אומגליק וואָלט ניט געווען געשעהן, ווען זי וואָלט פון געבוירן אָן געווען ליגן אין בעט און זיך ביז היינט פון אָרט קיין ריר ניט געטאָן״.

און אפשר איז גאָר גערעכט הערץ, וואָס האָט איינמאָל אַזוי וועגן איר געזאָגט: „פון מירלען, האָט ער געזאָגט,—וועט שוין קיינמאָל גאָרניט זיין. *זי איז ביי אונז מער ניט ווי אַן איבערגאַנגס=פּונקט*״.

און ווען מירל אַליין האָט דערציילט וועגן דעם מאָנטשיקן—„האָט זיך ביי איר אין די אויגן אָנגעצונדן אַ שמייכל פון אייגענעם חוזק. זי האָט מיט אָט דעם שמייכל אויף מאָנטשיקן אַ קוק געגעבן:—איך אַליין, זאָגט אָט דער באַקאַנטער מיינער, בין גאָר ניט, און וועל אין ערגיץ ניט אָנקומען. דער עיקר, זאָגט ער, זייגען די, וואָס וועלן קומען נאָך מיר״.

אפשר איז די דאָזיגע געזעלשאַפטליך=פילאָזאָפישע כאַראַקטעריסטיק פון מירלען ריכטיג און האָט וואָרצלען אין יידישן לעבן פון דער נייער צייט,—אָבער דער ווערט פון מירלען ליגט גאָר ניט אין דער סאָציאַלער זייט. אין ראָמאַן זייגען פאַראַן גאַנצע שטיקער יידישער סאָציאָלאָגיע, גאַנצע לאַגערן יידישער לעבנס=אַרט, יידישע זיטן און פסיכאָלאָגיע,—דער ראָמאַן איז איינגאַנצן גענומען אַן עכט ווערק פון יידישן לעבן אין דער נייערער צייט,—אָבער מירל שוועבט איבער זיי און צווישן זיי, אַלס פּראָבלעמאַ=

טישע נאַטור אין אַלגעמיינעם, וואָס טראָגט נאָר אויף זיך דעם שטעמפּל פֿון דער יידישער סביבה, פֿון וועלכער זי שטאַמט...

מירל איז אַ פּסיכאָלאָגישער טיפּ פֿון דעם מין קאָמפּליצירטע מענשליכע נשמות בכלל, וואָס די מאָדערנע צייט האָט דעם קנויל פֿון זייער מאַרך נאָך מער פאַרוויקלט,—און איר יידישע נאַציאָנאַליטעט, איר יידישע אָפּשטאַמונג, איר יידישע סביבה זיינען ניט מער ווי דער רעגוליאַטאָר, וואָס האַלט אַיין די פאָרמען פֿון איר אינווענינסטן און אויסווענינסטן אינהאַלט.

אין שיין פֿון מירעל׳ס פּערזענליכקייט טרעטן אַרויס נאָך בולט׳ער אַלע איבעריגע פּערזאָנען אין ראָמאַן. דאָס איז אַ גרויסע, רייכע און אינטערעסאַנטע גאַלעריע פֿון בילדער, וואָס זיינען געמאָלט מיט זאַנפטע, מערקווירדיג=איידעלע פאַרבן. און די שטריכן פֿון די בילדער זיינען דאָך אומגעהויער דורכדרינגענד, אַזוי ווי די שטריכן פֿון אַ קינסטלער, וואָס האָט אַ שטאַרק געפיל, אַ געזונט, שאַרף אויג, און אַ פעסטע, זיכערע האַנט. בערגעלסאָן מיט זיין גאַנצער אויפפאַסונגס=אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געניגט צו דינע, אינערליך=פּסיכאָלאָגישע מאָמענטן, איז דאָך אַן אמת׳ער רעאַליסט, און פֿון זיין ווערק קאָן מען אויסטיילן גאַנצע לעבנס=בילדער און לעבנס=כאַראַקטערען פֿון יידישן לעבן, גאַנצע קאַפּיטלעך אַזוינע, וואָס זיינען עכטע שעדעוורן: וואָווע בורנעס, דער באַנקראָט, די מחותנים, דער גט, ר׳ גדליה׳ס טויט און נאָך אַ סך.

און אַזוי אַרום גיט בערגעלסאָן׳ס ראָמאַן, חוץ אַלעם, אַ סך מאַטעריאַל צו דערלערנען דאָס יידישע לעבן אין דער נייערער פאָרמאַציע, אין זיינע איבערגאַנגס=פאָרמען פֿון אַלטן צום נייעם,— צו דערלערנען אין אינערן, טיפן זין פֿון וואָרט.

און דער „איבערגאַנגס=פּונקט״ באַקומט איצט, נאָך די איבערגעלעבטע גרויזאַמע מלחמה=יאָרן, אַ באַזונדערן היסטאָריש=פּסיכאָלאָגישן אינטערעס.

דוד איינהאָרנ׳ס „שטילע געזאַנגען".

ווען דער פּאָעט האָט צונויפגעקליבן זיינע לידער, האָט אויסדערוויילט פון זיי די בעסטע—און האָט זיי צום ערשטן מאָל אַרויסגעגעבן אין אַ באַזונדערן גאַנצן ביכל,—האָט זיך פאַר אים אַליין קלאָר אַרויסגעשטעלט דער הויפּטמאָטיוו פון זיינע טענער, און ער האָט פאַר זיי דעם ריכטיגן נאָמען געפונען: דוד איינהאָרן גופא האָט געגעבן זיין פּאָעזיע די צוטרעפנדיגע כאַראַקטעריסטיק, אָנרופנדיג זי—„שטילע געזאַנגען".

דאָס ביכל איז ערשינען מיט איבער אַ צענדליג יאָר צוריק. אין משך פון דער צייט האָט איינהאָרן שוין אַרויסגעגעבן אַנדערע לידער-זאַמלונגען און האָט אָפּגעדרוקט אַ גאַנצע ריי גרעסערע און קלענערע דיכטונגען, איינהאָרן איז אפילו געוואָרן אַ שטענדיגער צייטונגס-מיטאַרבעטער, אַ פּעלעטאָניסט, אַ פּובליציסט...

איינהאָרן איז שוין לאַנג אַוועק פאַרביי דעם פּאָעט פון „אַטאָל", זיין וועלט און זיין פּאָעזיע. אָבער דער ווערט ליגט דאָרט, און ס׳ציהט אַהין צו די „שטילע געזאַנגען",—און דוקא אין זיי איז דער גאַנצער אוצר.

איינהאָרנ׳ס „שטילע געזאַנגען" זיינען ריין-סוביעקטיווע לידער אין אייגנטליכן זין פון וואָרט: דער אָנהויב און דער סוף איז פאַר זיי נאָר די שטימונג, די נשמה פון זייער שעפער גופא, וועלכער איז אַזוי ווי אָפּגעצוימט פון דער גאַנצער גרויסער וועלט פון אי-בערלעבונגען און ליידן, פון שאַפונג און צושטערונג.

אָבער דוד איינהאָרנ׳ס שטילע געזאַנגען טראָגן אויף זיך יענעם העל-אויסגעדריקטן שטעמפּל פון אייגנאַרטיגקייט, וואָס קאָן

נאָר שטאַמען פון אַ באַגאַבטער, טאַלענטפולער נאַטור. זאָל די נאַטור זיין אָפּגעצוימט פון דער גרויסער וועלט (אין דעמאָלטיגע צייטן איז דאָס געוועז מעגלעך!) — שעפּט זי אין זיך די צאַרטליכקייט און נאַאיווי־שיינע מעלאָדיע פון אירע אינערע קלאַנגען, און איינהאָרנ׳ס פּאָעזיע איז אַ פּאָעזיע פון אינערע, צאַרטע, נאַאיווע מעלאָדיעס און קלאַנגען, וועלכע שטייען אפשר גאַנץ אַליין אין דער יידישער פּאָעזיע און וועלכע האָבן תּכף מיט רעכט באַשאַפן איינהאָרנ׳ען אַ נאָמען פון אַן אייגנאַרטיגן טאַלענטפולען דיכטער.

שטילע געזאַנגען...

פון בלעטל צו בלעטל, פון ליד צו ליד — טראָגט זיך אין אַ שלייער פאַרהילט, אין אַ דורכזיכטיגן שלייער, אַ ווייכע שטילקייט, וואָס אין די זילבערנע נעכט וועבט זי און שפּינט זי אַ האַרציגע מעשה׳לע דער בלאַסער בת־מלכה, נאָך וועלכע דער פּאָעט בענקט און וועלכע ער קאָן קיין מאָל ניט געפינען. אפילו דאַן, ווען דער משורר רייסט זיך אַזוי ווי אַרויס פון דער שטילקייט — און ניט, ווי זיין שטייגער איז, זאָגט ער אַרויס דיסאָנאַנס־טענער: „האָב כח אויף וואַרטן, האָב קרעפטן אויף האָפן, און לערן, ביז קומען די שעה וועט די פרייע" — אפילו דאַן זיינען די טענער ביי אים ניט צו הויך, און די גאַנצע סביבה, ביי וועלכער עס רייסן זיך אַרויס ביי אים די דיסאָנאַנס־טענער, איז אַלץ די־זעלבע שטילקייט־סביבה: „דאָרטן וועלן וואַרטן אויף מיר פיר באַ־קאַנטע: מיין טייערע ליבע, מיין שיינע הדסה, אַ ווערבע אַ שטילע, אַ טיכל אַ קלאָרעס, — און אויבן אַ גוטע לבנה אַ בלאַסע".

די שטילקייט פון איינהאָרנ׳ס געזאַנגען איז אַזוי בולט, אַז ערטערווייז דערגרייכט זי די העכסטע מדרגה און נעמט אָן די עקסטע פאָרם, — די פאָרם פון שווייגן. דאָס קומט פאַר דאַן, ווען די האַרבסט־שטימונג דרינגט דורך דעם שטילן, פאַר חלומ׳טן פּאָעט, וואָס אין פרילינג און די זומערדיגע אָוונטן „פאַר כשופט אים נאָך אַ שטילע מעלאָדיע" פון דער בת־מלכה, וועלכע „חלומ׳ט פון ווענען אין דער בלויער שטילקייט", אָבער, וואָס

זינגט שוין אין האַרבסט: „פאַרמאַך דיינע אויגן, מיין ליבסטע, און לאָמיר אַ מעשה׳לע שפינען אין האַרבסטיגן שווייגן".

פון וואַנען נעמט זיך די שטילקייט פון איינהאָרנ׳ס געזאַנגען, וואו איז איר שורש, און וואָס געפינט זי איר פאָרם?

בלאַסקייט און בענקשאַפט — דאָס זיינען די צוויי קוואַלן, פון וועלכע איינהאָרן שעפּט זיין גאַנצע פאַרב און זיין גאַנצע טאָן-קראַפט. און ווייל די פאַרב האַרמאָנירט זעלטן גוט מיט דעם בילד, מיט דער קראַפט פון די טענער, אין וועלכע דאָס בילד באַקומט זיין אויסדרוק און זיין פאָרם, — שאַפט זיך אַ שטילע צויבער=מעלאָדיע, פול מיט מוזיקאַלישער שענקייט, וואָס וויגט איין די נשמה אין אַ בענקשאַפט=שטימונג.

די צאַרטע, שטילע בענקשאַפט=מעלאָדיע, די מוזיקאַליש=איינוויגענדע טענער, מיט וועלכע „דער פאַסטוך מאַכט רוהיג און שטיל צו די אויגען דער בת=מלכה אין אַ פינסטערער נאַכט" — דאָס איז דאָס אייגענאַרטיגע, וואָס כאַראַקטעריזירט איינהאָרנ׳ס פּאָעזיע, אַלס אַ נייע פאָרם אין דער יידישער לידער=קונסט. איינהאָרן איז דער שטערן אין דער יידישער פּאָעזיע, וועלכער האָט באַזונדערס ליב דעם פאַרבען=שפּיל פון בלאַסקייט, טונקלהייט, — און אַמאָל אויך פינסטערניש, ווי זי האָט באַזונדערס ליב די טאָן=קראַפט פון בענקשאַפט=נאָטען, זילבערנע, רוהיגע טרעלן, — און אַמאָל אויך פון שווייגען. וואָרום — אַזוי ווי פינסטערניש איז די עקסטע פאָרם פון פאַרב, — איז גאָר קיין פאַרב ניט; אַזוי איז שווייגן די עקסטע פאָרם פון טאָן, — איז גאָר קיין טאָן ניט. אָבער — ביידע ווירקן זיי און ביידע קאָנען זיי ווערן אַ סביבה, אין וועלכער עס שאַפט זיך אַ טיפע, איינווייניגסטע שטימונג. און איינהאָרן, דער שטילער, צאַרטער פּאָעט, פאַרלאָזט אפילו אַמאָל זיין שטילקייט און זיין באַליבטן בלאַסען פאַרב, — און עס באַקומט זיך אַ מעלאָדיע אָן טענער, אַ שווייגנדיגע מעלאָדיע אן אַ פינסטערניש, וואָס ענליך איז זי צו אַ „נעפּל פון מאַטאָווען זילבער, וואו שטיל אין אַ שאָטן פאַרהילט פון אַן אוראַלטן

בוים, אויפֿן פייכט=ווייסן גראָז, מיט אַ האַרפע אין האַנט, מוז זיצן אַן עלענדער זינגער און אַ ניגון פאַרטראַכט וועבן שטיל, וועבן שטיל אויף די סטרונעס מיט צאַרטליכע פינגער"...

אָט די דאָזיגע פאַרטראַכטע, שטיל=וועבנדע מעלאָדיע האָט איינהאָרן באַשאַפֿן איינציק=און אַליין אין דער יידישער פּאָעזיע.

ניט באַרירנדיק דעם אינהאַלט און די קראַפט פון טאַלענט—קאָנען מיר דורכפירן בנוגע צו דער מעלאָדיע, צו דער פאָרם פון פּאָעזיע פאָלגנדע פאַראַלעל: ביי מאָריס ראָזנפעלד'ן זיינען די טענער אַם מייסטן שרייענדע, אָפטמאָל גריליצנדע; ביי יהואש'ן זיינען זיי אַמאָל שטאַרקע, אָנגעשטרענגטע, אפילו נביאיש=שטראָפנדע (זיינע נאַציאָנאַלע לידער), אַמאָל אמת אויך שטילע, אָבער ריכטיגער מעלאַנכאָליש-שטילע, וואָס דוקא זייער שטילקייט רייסט אויס דאָס האַרץ פון שטילער קלעמעניש און ניט עס פאַרוויגט עס; ביי אברהם רייזינען זיינען די טענער וואָכעדיג=שטילע, ווי פאַרדאגה'טע, פאַר'חלש'טע, פאַרמאַטערטע,—זיי זיינען שטיל, ווייל צופיל רחמנות ליגט אין זיי. די שטילקייט פון איינהאָרנ'ס לידער נעמט זיך אָבער פון דעם האַרמאָנישן צונויפגיסן=זיך פון זייער גרונט=פאַרב און זייער גרונט=טאָן. דאָ איז זי עטוואָס שטענדיג=אָרגאַנישעס, עטוואָס אַזוינס, וואָס דריקט אויס דעם תוך, די נשמה פון איינהאָרנ'ס פּאָעזיע.

* * *

אָבער מער ווי דאָס האָט איינהאָרן ניט געגעבן. ווייל ער ווייסט נאָר פון איין פאַרב און פון איין טאָן—איז ער דורכאויס אייבפאַרביג און איינטאָניג. די פאַרב און דער טאָן, וואָס מיר געפינען אויפֿן ערשטן בלעטל, זיינען איינע און די זעלבע, וואָס אויפֿן לעצטן, דורכדרינגנדיג אַלע שירים. זינגט ער וועגן דער בת=

מלכּה, ווענן אַ לבנה=נאַכט,—ליטע, אין דער פרעמד, צוקונפט, פּרילינג, זומער, האַרבסט, לעגענדע, נאַציאָנאַלע לידער,—אומע=טום איז דאָ ביי אים נאָר איין פאַרב=בלאַסקייט, און איין טאָן=בענקשאַפט.

דעריבער זיינען אויך איינהאָרנ׳ס לידער רייך מיט שטי=מונג און אָרים מיט בילדער. פון ערשטן ביז אין דעם לעצטן שיר זעט איינהאָרן כמעט נאָר איין געשטאַלט, וועלכע באַגלייט אים אומעטום, וועלכע ער זוכט און נאָך וועלכע ער בענקט,—די געשטאַלט פון דער צאַרטער, פאַר׳חלום׳טער, בלאַסער, בת=מלכּה, דער שיינער פּרינצעסין, דער יונגער פּרינצעסין מיט „די שוואַרצע, די זיידענע האָר“. און אויך די איין געשטאַלט האָט די=זעלבע פאַרב און דעמזעלבן טאָן. זי איז אַ בלאַסע און וועבט שטיל אַ צאַרטע מערכן פון בענקשאַפט, וואָס איז, ווי אַ טרוים אויפן וואָר.

איינהאָרן וואָלט געווען אַ געבוירענער מערכן=ערציילער, ווען ניט די אָרימקייט פון זיין פאַנטאַזיע, די שוואַכקייט פון זיין בילדער=קראַפט. אויך דאָ חזר׳ט ער זיך אָן אַ סוף אי=בער. אפילו דאַן, ווען ער זינגט וועגן זיין אייגענער, יידישער ליבע, וואָס ווערט געשלאָסן אין „ערגעץ אַן ענגען, יידישן געסל“,— איז זיין געליבטע אויך אַ בלאַסע און אַ שטיל=פאַר׳חלום׳טע, ווי יענע געשטאַלט פון דער בת=מלכּה. און גאָר ווי אַ דיסאָנאַנס קלינ=גען די לעצטע טענער פון דער „אידיליע“: „און מוטיג גע=ארעמט זאָל איך מיט מיין ליבסטער אַוועקגיין צום ליידנדן פאָלק און אים שענקען די אייביגע הייליגע ליבע“.

די „אידיליע“, די „לעגענדע“—דאָס זיינען נאַציאָנאַלע לידער, וועלכע איינהאָרן האָט אַזוי ווייניג געשאַפן, אָבער וועלכע זיינען אָן אַ ספק איינע פון די בעסטע און שענסטע לידער אין זיין זאַמלונג. ס׳זיינען פאַראַן ביי אים נאָך צוויי, דריי לידער מיט אַ נאַציאָנאַלער מעלאָדיע,—זיינען זיי אָבער שוואַכערע. נאָר אין איינעם פון זיי („אמר אביי“), אַ ווייניג אָריגינעלן, איז דאָ אַ זעער

בולט׳עס בילדל: „אין דרויסן איז פרילינג, עס שמייכלט די זון דורך די בלאָטיגע שייבלאַך פון אַלטן בית־מדרש: אַ פּאַליע פון גאָלד האָט פאַרשעמט דעם נר־תמיד, ער קוקט איצט אַרויס פון די שטראַלן די יונגע אין כעס מיט זיין אייביגן רויכיגן פלעמל, אַזוי ווי אַן אַלטער, שוואַכער קנאי“.

אין זיין צווייטער זאַמלונג „מיינע לידער“, וועלכע איז ער־שינען מיט עטליכע יאָר שפּעטער, קערט זיך איינהאָרן אום צו דער טעמע און אין אַ גאַנצער ריי שירים באַזינגט ער די יידישע שול, די יידישע עלעגיעס, דעם לעצטן בעל־תפלה, דעם בטחון, משיח...

דער טאָן און די פאַרב בלייבן אויך דאָ דיזעלבע. ס׳קומט נאָר צו די אינערליכע גייסטיגע שטימונג, וועלכע האָט געהערשט אין יענע צייטן צווישן דער יידישער אינטעליגענץ און וועלכע איך האָב שוין אויבן כאַראַקטעריזירט אין אַרטיקל וועגן בער־געלסאָנען. און „מיינע לידער“ זיינען אייגנטליך אַ המשך פון די „שטילע געזאַנגען“, נאָר מיט אַ קנויל צוגעקומענע פּראָבלע־מען, וועלכע פאַרענדיגן די ערשטע תקופה אין איינהאָרנ׳ס שאַ־פונג. און אין אָט דער ערשטער תקופה פון די „שטילע געזאנגען“ און „מיינע לידער“ געפינט זיך דער גאַנצער דיכטער־איינהאָרן, דער סוביעקטיווער איינהאָרן, דער טאַלענטפולער פּאָעט, וואָס האָט זיך געשאַפן אין דער יידישער פּאָעזיע זיין אייגן ווינקל און וואָס איז ניט נאָר פון קיינעם, נאָר וואָס איז אויך ביז איצט פון זיך אַליין ניט אַריבערגעשטיגן געוואָרן.

יהודה ליב לעוואַנדא.

יהודה ליב בן יוסף לעוואַנדא איז איינער פון די גרינדער פון דער רוסיש־יידישער פובליציסטיק און איר צענטראַלע פיגור אין משך פון אַ פערטל יאָרהונדערט. לעוואַנדאַ דער מענש, דער שריפטשטעלער, דער טוער, איז געווען איינע פון די אינטערע־סאַנטסטע יידישע פערזענליכקייטן פון דער באַהענטער פאַרגאַנגג־הייט. ער איז געווען מער ווי אַ שריפטשטעלער, ברייטער ווי אַ פובליציסט, קאָמפליצירטער ווי אַ טוער.

רייך איז געווען זיין לעבן מיט אַ טיפן אינעווייניגסטן אינ־האַלט; פאַרקערט, זיין אויסווייניגסטע ביאָגראַפיע איז קורץ און פשוט. בסך־הכל עטליכע דאַטן, בלייכע און גראָהע.

געבאָרן אין מינסק י״ז תמוז תקצ״ה (יוני 1835), האָט זיך לעוואַנדאַ געלערנט דאָרט אין חדר, תלמוד־תורה און קאַזיאָנער שול. אין 1849 פאָרט ער אָפּ קיין ווילנע און קומט אָן אין 4־טן קלאַס ראַבינער־שול, ענדיגט זי אין יאָר 1854 און ווערט לערער אין מינסקער קאַזיאָנער יידישער שול, וואו ער פאַרבלייבט ביז 1860. פון דעם יאָר אָן ביז׳ן טויט איז לעוואַנדאַ אַ „געלערנטער ייד״ ביים ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר. געשטאָרבן איז לעוואַנדאַ ז׳ ניסן תרפ״ח (6 מאַרט 1888) אין פעטערבורג,—וואוהין מען האָט אים אָפּגעפירט פון ווילנע אין מאַי 1887 אויסצוהיילן פון זיין גייסט־קראַנקהייט,—צו 53 יאָר.

פון די דאָזיגע 53 יאָר האָט לעוואַנדאַ גאַנצע 32 יאָר אָפּ־געלעבט אין ווילנע. פיל פון די ווילנער תושבים געדייגקען נאָך גוט זיין דירה (פון פיר צימערן) אויף ווילנער גאַס אין וואַלער־שטיינ׳ס הויף און זיין זומערוואוינונג אין רוזעלע אויף קאַטשער־

גינסקי׳ס באַרג. אַ שטיל, רוהיג, פשוט לעבן האָט לעוואַנדא געפירט. דער דאָזיגער ענערגישער טוער מיט דעם פייערדיגן טעמפעראַמענט האָט געווייכט פון יעדן טומל, פון יעדער פאַרזאַמלונג, פון יעדן יום=טוב. פאַרשפאַרט ביי זיך אין דערהיים, פלעגט ער וועלטן קערן, פלעגט צונעמען מענטשן און רעדן מיט זיי שעה׳נווייז, פלעגט בויען פלענער און אַנטוויקלען אידעען, — אַלץ מיט דעם=זעלבן טעמפעראַמענט פון פלאַם=פייער, — און ערשט אָוועגט=צו פלעגט ער אַרויסגיין שפאַצירן, אַליין מיט זיינע מחשבות איבער די שטילע, רוהיגע, אַלטע, אַלטע ווילנער גאַסן.

„אין אַ פאָר איינפאַכע, געוויינליכע, האַלב=געהייצטע צימערן, מיט זעער איינפאַכע מעבל, וואָס איז באַשטאַנען נאָר פון די נוי=טיגסטע זאַכן, האָט לעוואַנדא געפירט אַ ווירטשאַפט, וואָס איז געווען ווייט-ניט נאָר פון קאָמפאָרט, נאָר אַפילו פון באַקוועמליכקייט אויך. ער פלעגט זיך אַליין באַרימען, אַז ער האָט אַ צוועלפטל טוץ גלע=זער, דאָס הייסט, איין גלאָז. אַן אונטערטאַס דערצו האָט מען ניט אַלע מאָל געהאַלטן פאַר נויטיג. אַזוי האָט לעוואַנדא אָפּגעלעבט אַ פאָר צענדליג יאָר אָן פאַמיליע, אָן הויזליכע פריידן, אָן באַדערפענישן״.

אַזוי דערציילט וועגן לעוואַנדא׳ס הויזליכן לעבן איינער פון זיינע ערשטע און בעסטע פריינד דר. ל. קאַנטאָר *).

און ווער וואָלט עס גלויבן, אַז אָט דער שטילער, פשוט׳ער מענטש איז עס דער מחבר פון די אַרטיקלען, וואָס האָבן דעם יידישן לעבן געוואָלט אין גרונט=אויס איבערקערן? דער מחבר פון די רוישענדיגע ראָמאַנען, וואָס האָבן אַ שטיין אויף אַ שטיין ניט איבערגעלאָזן פון דער יידישער אויפגעקומענער סוחר׳ישער וועלט און דער יידישער קאַריערריסטישער אינטעליגענץ? דער מחבר פון די ערציילונגען און פעלעטאָנען, וואָס האָבן אומ׳ברחמנות׳דיג געשמיסן אין רעכטן אויג אַריין?

---

*) „דאַס יידישע פאָלק״, 1908, נומ׳ 5.

שוין דער ערשטער אַרטיקל לעוואַנדאס האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסן טומל. דאָס זיינען געווען סך־הכל „עטליכע ווערטער וועגן די יידן אין מערב־קאַנט פון רוסלאַנד", אַ קאָרעספּאָנדענץ פון שטעטל איהומען, מינסקער גובערניע, אין ערשטן נומער פון ערשטן רוסישן אָרגאַן פון די רוסישע יידן — אין יוסף ראַבינאָוויטשעס „ראַזסוועט" (1860, דער ערשטער נומער איז אַרויס דעם 27־טן מאַי). מיט שאַרפע און אָפענע ווערטער האָט לעוואַנדא גע־מאָלט דעם חושך און דעם עלענד פון יידישן לעבן אין יענער צייט. קיינער ביז לעוואַנדאַן האָט אַזוי קלאָר און דרייסט ניט געשריבן.

לעוואַנדא גופא באַשרייבט אונז דעם איינדרוק, וואָס דער דאָזיגער אַרטיקל זיינער האָט געמאַכט: „מיינע „עטליכע ווערטער" האָבן איבערגעפירט דעם אָנגעגעמען איינדרוק פון אַלע איבעריגע גוטע אַרטיקלען פונם ערשטן נומער: די „ווערטער" זיינען געווען ווי אַ לעפל זעגעכץ אין אַ פאַס האָניק אָדער, ווי אַנדערע מיינען, אפילו ווי אַ פאַס זעגעכץ אין אַ לעפל האָניג. ס׳האָט זיך אויפגע־הויבן אַ גוואַלד ביז אין סאַמע הימל אַריין. אין רעדאַקציע האָבן אָנגעהויבן פליהען בריוו, טעלעגראַמעס מיט פּאָרוואורפן, עצות און התראות. אייניגע האָבן אפילו אָפּגעשיקט די עקזעמפּלאַרן צו־ריק מיט דער געפעליגסטער ביטע מער זיי ניט צו שיקן. וועגן פּאַרפּאַסער האָט מען שוין גאָרניט געוואוסט וואָס צו טראַכטן: אַזאַ שטילער, באַשיידענער, רוהיגער און, דוכט זיך, פון די גוטע יידישע פּאַטריאָטן — און מיט אַמאָל... אַזוי אָפּצוטאָן!... מען האָט אים געפּרובט בעטן מיט גוטן, אָבער ער שטייט ביי זייניגע און טענ׳עט אפילו, אַז די „עטליכע ווערטער" זיינען נאָר אַ פּראָגראַם פון זיין צוקינפטיגער טעטיגקייט"... („וואָסכאָד", 1881, יוני).

און די „צוקינפטיגע טעטיגקייט" האָט זיך גלייך אויפן שטעל אָנגעהויבן. מאָראַליש שטאַרק געשטיצט דורך זיין רעדאַקטאָר יוסף ראַבינאָוויטש, וואָס איז געווען אַן אמת־שיינער טיפּ פון אַן עכטן אידעען־קעמפער, הייבט לעוואַנדאַ אָן צו דרוקן די ערשטע קאַפּיט־

לאַך פון זיין ראָמאַן „דעפאָ באַקאַליינך טאָוואַראָוו״, — אַ ווערק, וואָס ווירקט נאָך פיל שטאַרקער, ווי זיין ערשטער פּרוב. ראַבינאָוויטש שרייבט לעוואַנדאַ׳ן, אַז ער וואַרט מיט אומגעדולד אויף די ווייטערדיגע קאַפּיטלאַך, ווייל די „קריטיק פון די פאַרעלטערטע אָרדנונגען ווירקט טיפער און דויערנדיגער, ווען זי איז אויסגעדריקט אין אַ בעלעטריסטישער פאָרם״.

לעוואַנדא טוט זיין אַרבעט — — און שאַפט זיך אַ סך שונאים. די אָרטאָדאָקסיע מיט׳ן „המגיד״ בראש באַשיטן אים מיט די ערגסטע זלזולים און רופן צום קאַמף מיט דעם, וואָס „לאַכט און מאַכט חוזק איבער יידן, וואָס דערנידעריגט און פאַרפינסטערט דעם נאָמען פון ישראל״.

ראַבינאָוויטש און לעוואַנדא האָבן זיך ניט אָפּגעשראָקן. זיי געהען אויף זייער וועג ביז דער לעצטער שורה פון לעצטן נומער, פאַרטיידיגענדיג און פּראָפּאַגאַנדירענדיג זייער פּראָגראַם: „אונזער לאָזונג איז — ליכט, אונזער ציל פאָראויס; אונזער באַלוינונג — דער באַוואוסטזיין, אַז מיר האָבן ערפילט אונזער חוב״.

דער „ראַזסוועט״ האָט עקסיסטירט נאָר איין יאָר צייט און האָט זיך פאַרמאַכט מחמת צענזור־באַדינגונגען, וואָס האָבן ניט געגעבן ראַבינאָוויטשן, דעם דאָזיגן פּרינציפּן־מענש, די געהעריגע מעגליכקייט אָפן און שאַרף צו פאַרטיידיגן די פּראָגראַם פון זיין אָרגאַן. אַז עס איז אָנגעקומען צו די לעזער די ידיעה, אַז דער „ראַזסוועט״ פאַרמאַכט זיך, איז געוואָרן ביי זיי גרויס דער טרויער און דער באַדויערן. פאַר דעם יאָר צייט איז דער ערשטער רוסיש־יידישער אָרגאַן געוואָרן באַליבט און נאָהענט, ווי אַן אייגענע, ליבליכע זאַך, וואָס עס איז זיך זעער שווער צו שיידן פון איר. די פּראָטעסטן און די זלזולים, די אָנפאַלן און די באַשולדיגונגען פון דער ערשטער צייט האָבן אויפגעהערט, — און פאַר אַ סך איז קלאָר געוואָרן, אַז די רוסיש־יידישע אינטעליגענץ מוז האָבן אַן עפענטליכע, פרייע טריבונע „צו קעמפן פון אויסן און פון אינווייניג״.

(דעמאָלט האָט מען געגלויבט, אַז דאָס מוז געטאָן ווערן מיט דער הילף פון דער רוסישער שפּראַך). דער לעצטער נומער „ראַזסוועט“ איז אַרויס דעם 19־טען מאַי, 1861.

אָנשטאָט דעם „ראַזסוועט“ האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין אַ נייע אויסגאַבע אונטער אַן אַנדער רעדאַקציע און מיט אַ פּאַרקירצטער פּראָגראַם. „ציון“ האָט דער נייער אָרגאַן געהייסן און רעדאַגירט האָבן אים דר. עמנואל סאָלאָווייטשיק און דר. ל. פּינסקער, דער קומענדיגער פּאַרפאַסער פון דער „אויטאָעמאַנסיפּאַציע“. לעוואַנדא האָט, פאַרשטייט זיך, מיטגעאַרבעט אין נייעם אָרגאַן, אָבער „ציון“ האָט אים ניט געקאָנט צופרידנשטעלן. „ניט דאָס“ איז עס געווען — ניט דער „ראַזסוועט“! יוסף ראַבינאָוויטש איז געווען אַן אויסגעצייכנטער רוסישער סטיליסט, אַן עכטער פּובליציסט, דערצו מיט אַ קלאָרן און געזונטן פאַרשטאַנד און זין פאַר די פּאָרקומענדיגע געשעהעענישן, — די נייע רעדאַקטאָרן אָבער זיינען געווען מער וויסנשאַפטס־מענשן, ווייניגער קאַמף־נאַטורן. אין „ציון“ האָט געפעלט דער טעמפּעראַמענט, דער געהעריגער דרייסטער טאָן, דער הויך פון לעבעדיגן לעבן. פאַר אַזאַ נאַטור, ווי לעוואַנדא, איז „ציון“ קיין אָרגאַן ניט געווען, און עס איז דעריבער פאַרשטענדליך, וואָס ער האָט זיך פאַרהאַלטן צו אים אפילו מיט אַ געוויסער איראָניע. שוין פון נאָמען אליין האָט לעוואַנדא ווי חוזק געמאַכט: האָט איר געהערט, אַז אַ פּובליציסטישער אָרגאַן, וואָס האָט צו קעמפן און צו קעמפן פאַר די אינטערעסן פון די רוסישע יידן, זאָל גאָר הייסן „ציון“! אָט דער נאָמען, וואָס איז אימשטאַנד בלויז מיט דעם קלאַנג זיינעם צו פאַרשלעפּערן און אָפּצוטויטן! —

אין זעלבן יאָר 1861 האָט זיך לעוואַנדא אַרויסגעוויזן פאַר זייער אַן ענערגישן געזעלשאַפטליכן טוער. אין 12 טעג צייט האָט ער בטל געמאַכט אַן עלילת־דם אין שטעטל שאַווליאַן, אַ פינסטערן בלבול, וואָס האָט אין יענער צייט געקאָנט ברענגען יידן די גרעסטע אומגליקן.

„ציון" האָט עקסיסטירט נאָך ווייניגער פון אַ יאָר צייט און האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם 45־טן נומער. ביז 1869 גייט מער קיין רוסיש־יידישער אָרגאַן ניט אַרויס.

לעוואַנדא שרייבט אין דער אַלגעמיינער פּרעסע: אין „פּעטערב. וועדאָמאָסטי", „נאָוואָיע ורעמיאַ", וואָס איז דאַן געווען איינע פון די ליבעראַלסטע רוסישע צייטונגען, „ווילענסקי וועסטניק".

אין 1869 גייט אַרויס דער דריטער רוסישער אָרגאַן פון רוסישע יידן „דיען". דער „דיען" האָט אויך עקסיסטירט ניט מער פון אַ יאָר צייט. צו אים האָט זיך לעוואַנדא באַצויגן נאָך אַיינגעהאַלטענער ווי צו „ציון". אין „דיען" האָט לעוואַנדא אָפּגעדרוקט נאָר איין אַרטיקל—וועגן יוסף ראַבינאָוויטש׳ען, וואָס איז געשטאָרבן דעם 16־טן אָקטאָבער 1869.

אין 1871 ערשיינט לאַנדוי׳ס „יעווריייסקאַיאַ ביבליאָטעקאַ", וואָס אין יאָר 1881 איז געוואָרן הערפון דער זשורנאַל „וואָסכאָד"*). לעוואַנדא איז איינער פון די וויכטיגסטע מיטאַרבעטער פון דער „ביבליאָטעק". דאָ דרוקט ער אויך זיין בעסטע ווערק „גאָריאַטשעיע ורעמיאַ", וואָס מאָלט די צייט פון פּוילישן אויפשטאַנד. דער ראָמאַן ווייזט אונז אויף קלאָר די וועלטאַנשויאונג פון לעוואַנדא׳ן גופא, לעוואַנדי׳ן דעם אַסימילאַטאָר אין זין פון יענער צייט, דעם אַסימילאַטאָר, וואָס זאָרגט פאַר יידן און האָט ליב יידן, און פון אָט דעם שטאַנדפּונקט פון ליבע און נוצן וויל ער, אַז די יידן זאָלן ווערן „רוסישע בירגער", רוסן בני דת משה, אַז די יידן זאָלן זיך דורכדרינגען מיט דער רוסישער קולטור, מיט דעם רוסישן גייסט. און וואָס איז שייך צו די רוסן—וועלן זיי אונז ליב

*) נאָך אַ 20־יאָריגער הפסקה האָבן אין 1901 און 1903 ווידער ערשינען צוויי בענד, שוין די לעצטע, פון דער „יעווריסקאַיאַ ביבליאָטעקאַ". אין די דאָזיגע בענד איז פּובליקירט די זעער וויכטיגע און אינטערעסאַנטע קאָרעספּאָנדענץ פון לעוואַנדא׳ן.

באַקומען. „מיר וועלן זיי צווינגען ליב צו האָבן אונז. מיט וואָס? מיט אונזער ליבע“*).

פון 1879 ביז 1882 שרייבט לעוואַנדא זעער פיל. דאָס איז געווען די בליהונגס-צייט פון דער רוסיש-יידישער פובליציסטיק. אין „רוסקי יעווריי“ פּראָפּאַגאַנדירט לעוואַנדא זיינע אַסימילאַציאָנס-אידעאַלן מיט אַן אומגעהויערן פייער. אָבער אין סאַמע ברען קומט דער גרויסער קריזיס. די פּאָגראָמען פון 1881-טן יאָר ברייננען דעם טויט-קלאַפּ אָט די אַלע זיסע חלומות פון דער אַסימילאַציע. אַן אידיאַל, וואָס איז געקומען פון דרויסן, איז אויך צעשטערט געוואָרן דורך אַ דרויסענדיגער קראַפט און אין צווייטן „ראַזסוועט“ איז שוין לעוואַנדא אויך אַ צווייטער. ער שרייבט אַ ריי פעלעטאָנען, וואָס באַווייזן די גאַנצע איבערקערעניש אין זיין האַרץ און אין זיין מח. ער ווערט אַ יידישער נאַציאָנאַליסט, אַ פייערדיגער אָנהייגער פון דער פּאַלעסטינע-באַוועגונג אין איר גאָר קאָנקרעטער פאָרם. ער שרייבט שוין אפילו (אין זאַמלבוך „פּאַלעסטינאַ“, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 1884 פון וו. ל. בערמאַן און א. פּלעקסער) אַ גרויסן טעאָרעטישן אַרטיקל, וואָס באַגרינדעט די נייע יידיש-נאַציאָנאַלע באַוועגונג. דער אינעווייניגסטער קריזיס, וואָס לעוואַנדא האָט דאָ איניינעם מיט זיין דור איבערגעלעבט, שטעלט פאַר אַ גרויסן אינטערעס פאַר אַ פּסיכאָלאָג און איז נאָך גאָר ווייניג אויסגעפאָרש געוואָרן; לעוואַנדא'ס בריוו און לעוואַנדא'ס ווערק, וואָס וואַרפן אַ שיין אויף דעם דאָזיקן קורצן און לעצטן פעריאָד פון זיין לעבן, זיינען די אינטערעסאַנטסטע דאָקומענטן אין דעם פּרט.

די ליטעראַטור וועגן לעוואַנדא'ן**), וואָס איז בערך גאַנץ

---

*) „גאָריאַטשעיע ווערעמיא“ איז פאַראַן אין יידיש, אין אַ גוטער איבערזעצונג פון ליפמאַן-לעווין („אין שטורם“), פאַרלאַג „צענטראַל“, וואַרשוי.

**) ווי אויף מער-ווייניג וויכטיגערע אַרבעטן וועגן לעוואַנדא'ן קאָן מען אָנווייזן אויף פאָלגנדע: דר. ל. קאַנטאָר'ס אַרטיקלען (דער עיקר צווי. אין „רוסקי יעווריי“ 1879 און אין „השלח“, I), אַקים וואָלינסקי'ס (פלעקסער) אין

באַדייטנד אין כמות, איז זעער אָרים אין איכות. קיינער האָט נאָך ניט געפּרובט אָפּצושאַצן ווי געהעריג די ראָל פון אָט דעם מערקווירדיגן טוער. קיינער האָט נאָך אפילו ניט געפּרובט אָנצוואַרפן דעם פּלאַן, די קאָנטורן פון אַ כאַראַקטעריסטיק פון לעוואַנדאַ׳ס אויפטוען און לעוואַנדאַ׳ס פּערזענליכקייט. פיל האָט מען וועגן אים געשריבן — און זעער ווייניג געזאָגט. אָבער זאָגן וואָס וועגן לעוואַנדאַ׳ן הייסט בעצם דערציילן די געשיכטע פון דער רוסיש-יידישער פּובליציסטיק, הייסט ווערן אַ היסטאָריקער פון אַ האַלבן יאָרהונדערט געשיכטע פון דער יידישער אינטעליגענץ אין רוסלאַנד, הייסט זיין אַ זיטן-פאָרשער פון גאַנצע דריי יידישע דורות.

מיר וועלן דאָ אָנצייכענען עטליכע הויפּט-שטריכן.

ריכטיג אָפּשאַצן אַ שריפטשטעלער אָדער טוער פון אַ פאַרגאַנגענער עפּאָכע קאָן מען נאָר דאַן, ווען מען האָט אין אויג די היסטאָרישע פּערספּעקטיוו. דאָס, וואָס איז געווען זעער פאַרשטענדלין, נויטיג און דורכאויס צוועקמעסיג ביי געוויסע געשיכטליכע באַדינגונגען, קאָן אויסקומען דורך און דורך פאַלש און משונה׳דיג ביי גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען פון דער נייער צייט. און ווען מען האָט צו טאָן מיט אַ שריפטשטעלער און טוער, וואָס איז מער צייט-שילדערער, זיטן-מאָלער, ווי קינסטלער — און וואָס איז מער אַ פּראָדוקט פון דער צייט, ווי אָנפירער, מער אַ שטעמפּל פון

וואָסכאָד״ 1888, ש. ל. ציטראָנ׳ס אין „אחיאסף״, V, ב. גאָלדבערג׳ס בראָשור (אויף רוסיש) „לעוואַנדא אַלס פּובליציסט״. אגב, לעוואַנדאַ׳ס ביאָגראַפיע אין דער „יידישער ענציקלאָפּעדיע״ אויף רוסיש, געשריבן פון י. ג. (יולי געסען), איז צום באַדויערן שלעכט צונויפגעשטעלט. ס׳איז ניטאָ דאָרט קיין רשימה פון לעוואַנדאַ׳ס ווערק, ניט די יאָרן, ווען זיי האָבן ערשיינט. צוויי ראָמאַנען לעוואַנדאַ׳ס זיינען דאָרט בכלל ניט דערמאָנט. די ביבליאָגראַפיע איז ניט פול. עס זיינען פאַראַן גלאַט ניט גענויע און ניט איינגאַנצן ריכטיגע אָנווייזונגען כמעט אין אַלע טיילן פון דער ביאָגראַפיע. צו באַנוצן זי פאַר אַ מער-ווייניג וויסנשאַפטליכער אַרבעט איז אוממעגליך.

דער עפּאָכע, ווי נביא און פּראָוויסזעהער,—איז די היסטאָרישע פּערספּעקטיוו און דער געשיכטליכער שטאַנדפּונקט שוין געוויס און געוויס אומבאַדינגט-נויטיג ביים באַטרן כ זן און כאַראַקטעריזירן די באַטרעפנדע פּערזענליכקייט.

יהודה-ליב לעוואַנדא, די צענטראַלע פיגור פון דער רוסיש-יידישער פּובליציסטיק אין דעם גאַנצן משך פון איר עקסיסטענץ, וואַקסט אויס אין נאָך אַ ריזיגערע פיגור, ווען מען שטעלט איר אין דער באַלייכטונג פון דעם פאַרגאַנגענעם געשיכטס-פּעריאָד פון אונזער רוסיש-יידישן לעבן.

ניט קיין קינסטלער איז לעוואַנדא געווען, ניט קיין נביא, ניט קיין פּראָוויסזעהער פון די שפּעטערדיגע געשעהענישן, ניט קיין פירער פון אַ מחנה גייסט-רעוואָלוציאָנערן, ניט קיין פאָלקס-מנהיג און ניט קיין פאָלקס-פאַרזאָרגער, אפילו ניט קיין גרינדער פון אַ פּאַרטיי, גרופּע אָדער סעקטע,—און דאָך איז אָט דער לעוואַנדא געווען אַ צענטראַלע פיגור פון אַ געוויסער עפּאָכע, געווען אומגעהויער פּאָפּולער.

ווי דערקלערט זיך עס?

ניט נאָר דורך לעוואַנדאס פּערזענליכע מעלות. זיינע פּערזענליכע מעלות אָבער זיינען געווען זעער גרויס; זיין טאַלענט פון אַ פּובליציסט און טיילוויז פון אַ זיטען-קינסטלער — גאַנץ באַדייטענד; זיין טעמפּעראַמענט, זיין ענערגיע, זיין גאַנצקייט און אויסגעהאַלטענקייט ביי יעדן איינציגן פאַל, אין יעדן געגעבענעם מאָמענט, זיין אידעאַליזם, וואָס גרעניצט לויט דער פייערדיגער איבערגעגעבנקייט צו דער זאַך ביז פאַנאַטיזם, — דאָס אַלץ האָט געווירקט אויף אויסצואַרבעטן דעם קוק אויף לעוואַנדאין, וואָס די געשיכטע האָט אונז איבערגעלאָזן ביז אויף דעם היינטיגן טאָג. דעם איבווייניגסטן קריזיס אין לעוואַנדא'ס נשמה, זיין מעלאַנכאָליע, זיין שטילן און רוהיגן לעבן, זיין ווייכן פון יעדער אַסיפה, פון יעדער געזעלשאַפטליכקייט, פון יעדן טומל—דאָס אַלץ האָט דער גרויסער עולם ניט געוואוסט און אפשר איז עס גאָר ניט אינטע-

רעסאַנט געווען פאַר אים צו וויסן. דער לעזער, דער אינטעליגענט פון יענער צייט, האָט אָבער גוט געוואוסט דעם פייער פון לעוואַנדאַ׳ס פען, די הייסע, ברענענדיגע פונקען, וואָס זיינען פון איר געפלויגן, — דער גרויסער עולם האָט צוגעזעהן דעם שטורם, וואָס לעוואַנדאַ ברענגט מיט יעדן אַרטיקעל זיינעם, מיט יעדער שילדערונג, — און אַלץ מער און מער מיט דעם גאַנג פון דער צייט ווערט לעוואַנדא געקרוינט מיט דעם לאָרבער-קראַנץ, וואָס אין אַלע צייטן און ביי אַלע באַדינגונגען ווערט ער אָנגעטאָן אויפ׳ן קאָפּ פון דעם, וואָס די צייט, די עפּאָכע, דער דור זעט אין אים זיין גייסט, זיין פאָרשטייער, זיין געשיכטס-מאָלער, זיין געפילען-אויסדריקער.

דערין ליגט דער סוד פון לעוואַנדא׳ס פּאָפּולאַריטעט, פון לעוואַנדא׳ס ווירקן און אויך פון לעוואַנדא׳ס ווערט אין דער געשיכטע פון אונזער געזעלשאַפטליכקייט.

ווי ווייניג מיר זאָלען ניט האַלטן איצט פון די אידעען, וואָס ער האָט געקעמפט פאַר זיי, ווי קליין מען זאָל ניט אָפּשאַצן דעם ווערט פון זיינע בעלעטריסטישע ווערק אין קינסטלערישן זין, ווי ווייניג אינטואיציע מען זאָל ניט געפינען אין זיינע פּובליציסטישע אַרבעטען, — בלייבט ער אַלץ פאַר אונז די צענטראַלע פיגור פון זיין צייט, דאָ אַלס קעמפער, דאָ אַלס מיטגייער, דאָ אַלס פאַרקערפּערער פון די אינטימסטע האָפענונגען און שטרעבונגען פון זיין עפּאָכע.

און נאָך פיל וויכטיגער ווערט דער פאַקט, ווען מען זאָל זיך אַריינטראַכטן דערין, אַז בעצם איז לעוואַנדא דער פאָרשטייער ניט פון איין דור, ניט פון איין קורצער עפּאָכע, נאָר פון — דריי דורות אין אונזער רוסיש-יידישן לעבן.

אויף דער גרעניץ פון גאַנצע דריי דורות האָט לעוואַנדא געווירקט, און דעם גייסט פון גאַנצע דריי דורות האָט ער אין זיינע ווערק איינגעזאַפּט.

לעוואַנדא איז געווען דריי פערטל פון זיין לעבן תמיד אין

אָפּאָזיציע, — דאָס איז אָבער יענע אָפּאָזיציע, וואָס כאַראַקטעריזירט מער דעם גייסט פון דער צייט, ווי דעם גיין פון שטראָם און מיט׳ן שטראָם. פון לעוואַנדא׳ס „קעגן שטראָם" דערוויסן מיר זיך ערשט, וואָס בעצם דער „שטראָם" גופא איז געווען.

געבאָרן אין 1835, איז די „פאַרגאַנגענהייט" אין זיינע „אָטשערקי פּראָשלאַוואָ" גאָר ניט געווען פאַר אים קיין „געשיכטע" קיין „אַמאָל".

ער, דער שילדערער, האָט עס כמעט אַליין מיטגעלעבט.

די יאָרן 1842 — 1844, בכלל דעם לעצטן צענדליג יאָר פון דער ערשטער העלפט פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, וואָס לעוואַנדא מאָלט אין זיין סעריע דערמאָנטע ערציילונגען, — זיינען פאַר אים אַליין געווען זיינע אייגענע ערשטע קינדער-יאָרן. ווען לעוואַנדא איז געגאַנגען אין חדר, האָט אים שוין דער רבי געדראָהט מיטן שרעקליכן ל י ל י ע נ ט אַ ל׳ן וואָס אָט, אָט וועט ער קומען, דער גרויזאַמער, אומ׳ברחמנות׳דיגער דאָקטאָר, און וועט אים אין „שקאָלע" פאַרכאַפּן, אַזוי ווי מען שרעקט איצט אַ קליין קינד מיט׳ן שוואַרצן ציגיינער, וואָס פאַרשלעפּט קינדער אין זאַק אַריין. ניט מער, וואָס איצט גלויבן ניט די שטראָפער אין דעם דאָזיגן ציגיינער, און דאַן איז דער גלויבן און דער שרעק באמת גרויס געווען.

„שקאָלאָבאָיאַזן" איז פאַר לעוואַנדא׳ן גופא געווען אַ שטיק אייגען קינדער-לעבן. דאָסזעלבע אויך „די פּאות פון מיין מלמד", די רירענדע געשיכטע פון דער שיינער „פּעשקע" און די אַלע איבעריגע ערציילונגען פון דער סעריע.

אין די ווייטערדיגע, גרעסערע ווערק זיינע מאָלט לעוואַנדא נאָך אַלץ דעמזעלבן פּעריאָד, דעמזעלבן דור, אָבער שוין ניט זיין אָנהויב, נאָר זיין סוף.

דאָ איז שוין לעוואַנדא אַליין אַ בן-דור אין פולן זין פון וואָרט, אַ מיטלעבער און אַ מיטווירקער, שוין ניט אַלס קינד, וואָס פילט און זעט צו, נאָר אַלס באַוואוסטזיניגער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט און פון דער סביבה, וואָס ער שילדערט און וואָס ער

אַליין ווירקט אין איר. דאָס זיינען שוין ניט קיין „זכרונות“ פון די קינדער־יאָרען, נאָר אַ קינסטלערישע כראָניק פון דער צייט, באַשרייבונגען פון דעם אייגענעם עפּאָכע־לעבן.

אין „דעפּאָ באַקאַליייניך טאָוואַראָוו“, אין „איספּאָוועד דיעלצאַ“ און אין „באָלשאָי רעמיז“ שילדערט לעוואַנדא דעם סוף פון דער עפּאָכע וועלכע ער האָט אָנגעהויבן אין זיינע „אָטשערקי פּראָשלאַוואָ“, אַן עפּאָכע פון גאַנצע 25 יאָר, אַ מהלך פון אַ גאַנצן דור. די פּאות׳ן זיינען שוין לאַ״ג אָפּגעשניטן, די קליידער שוין לאַנג איבערגעמאַכט, פּעשקע ווייס שוין אפשר אויך וואָס אמת׳ע ליבע איז, די שקאָלעס שרעקן שוין ניט, ליליענטאַל איז שוין מער קיין שוואַרצער ציגיינער ניט, — אָבער די לופט איז פאַרפּעסטעט מיט אַ שלאַק, וואָס איז אין די פריהערדיגע יאָרן פון זעלבן פּעריאָד גאָר ניט געהערט געוואָרן. געלט, געלט! — אָט איז דער נייער לאָזונג. נאָך דער קרימער מלחמה האָט זיך דער דאָרשט נאָך גאָלד, נאָך געשעפטן נאָך ספּעקולאַציעס און שווינדעל־עסקים שטאַרק פאַרגרעסערט ביי יידן, ווי קיינמאָל ביז איצט. רייך ווערן! — אָט דאָס איז די שטרעבונג און דער באַגער. אַ נייער קלאַס האָט זיך אָנגעהויבן אויספּיקן פון איי, אַ נייע גרופּע פאַרשוינען מיט נייע פאַרלאַנגען, נייע שטרעבונגען, גערינגע אַפּעטיטען. די סוחר׳ישע וועלט, די בורזשואַזיע איז געקומען מיט אירע מאַטעריעלע ענינים, מיט אירע עגאָאיסטישע צוועקן, וואָס זיינען אַזוי ווייט, ווייט געוועזן פון די אידעאַלן און צוועקן פון די אַלע אַלטע יידן, וואָס זיינען געזעסן על התורה ועל העבודה...

און לעוואַנדא, דער ריינער אידעאַליסט, האָט מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין טאַלענט די דאָזיגע אויפגעקומענע סוחרים און ספּעקולאַנטן אויפגעשטעלט אין זייער אומבאַדינגטער אַנטיפּאַטישער געשטאַלט. דערפאַר האָט ער דעם „אַלטן דור“, די רבנים, געשילדערט מיט פיל ליבע, ער האָט געשעצט אין זיי דעם הויכן אידעאַליזם, די ריינקייט פון דעם מיאוס׳ען קאַריעריזם, וואָס איז צום סוף פון יענער עפּאָכע געבוירן געוואָרן ביי די רוסישע יידן אלס בכיה לדורות...

און אָט איז געקומען דער גייער פעריאָד, דער צווייטער. דער גאַנצער משך צייט פון סוף די 60, 70 ביז די 80=ער יאָרן. די נייע פאָרמען פון רוסיש=יידישן לעבן זיינען שוין איינגעשטעלט. שוין אויך אַריבער די הייסע, זודיגע צייט פון 1863=סטען יאָר, די „גאָריאַטשעיע ווערעמיאַ" פון פוילישען אויפשטאַנד. אין סאַריג'ען, דעם הויפט=העלד פון דעם דאָזיגן בעסטן פון אַלע לעוואַנדא'ס ווערק, זעהען מיר לעוואַנדא'ן אַליין, זיינע אייגענע אידעאַלן און האָפענונגען. מיר זעהען פאַר זיך לעוואַנדא'ן דעם אַסימילאַטאָר, וואָס האָט גאַנצע 21 יאָר פון זיין קורצן 53=יאָריגן לעבן געפּרע=דיגט די אידעאַלן פון צונויפגיסן זיך מיטן רוסישן פאָלק, מיט זיין קולטור און גייסט, מער ניט איבערלאָזענדיג „די פאַרב פון דער אייגענער רעליגיאָזיטעט".

עס זיינען אָנגעקומען די 80=ער יאָרן. די פּאָגראָמען האָבן די איבערקערעניש אין די מחות געבראַכט,—צוזאַמען מיט דער איבער=קערעניש אין לעבן. דער דריטער פעריאָד קומט אָן,—דער דריטער דור איז אויסגעוואַקסן.

לעוואַנדא ווערט אַ חובב=ציון, אַ הייסער איבערגעגעבענער יידישער נאַציאָנאַליסט פון דער עקסטרעמער מדרגה, ער געפינט סוף כל סוף דאָס לאַנג=געזוכטע, דאָס לאַנג=באַגערטע פאָטערלאַנד:— ארץ=ישראל! ניט די פוילישע, נאָר די יידישע „גאָריאַטשעיע ווערעמיאַ" האָט אים דאָס פאָטערלאַנד געבראַכט.

און סיי אין ערשטן, סיי אין צווייטן, און סיי אין דריטן פעריאָד איז לעוואַנדא געוועזן דער בן=דור, דער גייער בראש פון דער צייט און מיט דער צייט, קעגן און מיטן שטראָם, — דאָס הייסט, אין אַלע דריי פעריאָדן, ביי אַלע דריי דורות פון זיין עפּאָכע איז ער דער כראָניק=שרייבער געוועזן, וואָס האָט אַליין אין דער דאָזיגער געשיכטע דעם נאָהענטסטן אנטייל גענומען, אַלס דער פּילענסטער און לעבעדיגסטער מענטש פון זיין צייט, אָבער ער שטייגט ניט אַריבער די גרעניצן פון דער דאָזיגער צייט.

דעריבער איז פאַרשטענדליך, וואָס לעוואַנדא, אַלס קינסטלער,

רופט אָן אין זיינע ווערק געגוי די יאָרן, די צייט פון דער האַנד-לונג; וואָס ער נעמט זיינע טעמעס און סיוזשעטן פון דער לעבעדי-גער, אייגעגער סביבה; וואָס זיינע אויגן זעהען דאָס און דאָס אַקוראַט אין דעם און דעם פעריאָד און וואָס בייט זיך לגמרי אום אין משך פון דער צייט, ווען דער נייער פעריאָד קומט אָן. דער-מיט דערקלערט זיך אויך אַ ביסל, וואָס דאָס בעסטע ווערק לע-וואַנדא׳ס איז דוקא דער ראָמאַן זיינער „גאָריאַטשעיע וורעמיאַ״, שוין די צייט גופא, די געשעהענישן גופא האָבן דערצו גורם גע-ווען. אָקאָרשט נאָך דעם אויפשטאַנד, נאָך אַלץ אַזוי פריש און לעבעדיג, — און שוין אַלץ פאַרביי. און אַלץ אַליין מיטגעלעבט און איבערגעלעבט. און לעוואַנדא דער קינסטלער מישט זיך צונויף מיט לעוואַנדא׳ן דעם ווילנער איינוואוינער, וואָס קען גוט די פוי-לישע שפּראַך און די פּוילישע מנהגים, מיט לעוואַנדא׳ן דעם בן-דור, וואָס איז אַליין געווען אויפ׳ן פּלאַץ און האָט אַליין אַלץ מיטגעמאַכט אין דעם דאָזיגן גרויסן פעריאָד יידיש-פּוילישער גע-שיכטע פון אָנהויב די 60-ער יאָרן.

לעוואַנדא׳ס טיפּן זיינען דעריבער ניט קיין סימבאָלן, ניט קיין אייביגע קינסטלערישע געשטאַלטן, — דאָס זיינען גאַנץ קאָנ-קרעטע, דורך און דורך באַשטימטע עפּאָכע-כאַראַקטערן, וואָס זיינען אין אַ געוויסער צייט, ביי געוויסע באַדינגונגען, אַרויסגענומען געוואָרן פון לעבעדיגן לעבן, פון שטוב, פון גאַס, פון געשעפט, פון באַשטימטע האַנדלונגען, גייסטיגע און מאַטעריעלע.

די, וואָס אינטערעסירן זיך מיטן פאַרגאַנגענעם לעבן פון אונזערע דריי דורות, וועלן אויך איצט איבער דריי צענדליג יאָר נאָך לעוואַנדאס טויט, מיט גרויס אינטערעס לייענען אַלע זיינע ווערק, די בעלעטריסטישע און פובליציסטישע, וואָס זיינען ממלא איינע די אַנדערע, — און אַזא ווערק, ווי „גאָריאַטשעיע וורעמיאַ״ וועלן זיי לייענען ניט נאָר מיט „גרויס אינטערעס״, נאָר אויך מיט אַ געוויסן עסטעטישן פאַרגעניגן, — ווייל לעוואַנדא דערהויבט זיך אין פיל ערטער פון דעם דאָזיגן ראָמאַן צו אַן אמת׳ער קינסטלע-רישער הויך.

ניט קענען לעוואַנדאַ'ן און קענען די עפּאָכע פון די פאַרגאַנגענע דריי דורות איז אַבסאָלוט אוממעגליך. אין דעם ליגט די גרויסע באַדייטונג, וואָס לעוואַנדא האָט פאַר אונז.

שטודירט מען אָבער אויס אַלע ווערק לעוואַנדאס, זיין לעבן און אַרבעט,—איבערצייגט מען זיך, אַז לעוואַנדא דער אַסימילאַטאָר איז בעצם גאָר קיין אַסימילאַטאָר ניט געווען אין דעם איצטיגן זין פון וואָרט. דאָ דאַרף מען מער ווי אומעטום שטעלן זיך אויפן היסטאָרישן שטאַנדפּונקט. און אויך דאָ טרעט פאַר אונז לעוואַנדא אַרויס אַלס לעבעדיגער גייסט פון זיין צייט. לעוואַנדא איז תמיד געווען אַ „יידישער פּאַטריאָט": ער האָט געוואָלט בריינגען יידן גוטס, אין זיין האַרץ האָט געלעבט די הייסטע ליבע צו זיין פאָלק, ער האָט געוואָלט זיין פאָלק „אויסבעסערן", „קולטורעל־מאַכן", „ליכטיג־מאַכן"—און דער בעסטער מיטל דערצו, האָט ער געמיינט, איז—צונויפגיסן זיך, אַסימילירן זיך מיט דער רוסישער קולטור, ווערן, הייסט עס, „רוסישע בירגער מיט אַ פאַרב פון דער אייגענער רעליגיאָזיטעט". לעוואַנדא האָט קיינמאָל ניט פּראָעקטירט אַפילו קיין רעליגיעזע רעפאָרמען, קיין תקונים בדת, קיין פּלענער, וואָס זאָלן זיין ענליך אויף די פון ליליענבלום׳ען. לעוואַנדא איז אינגאַנצן געשטאַנען אָן אַ זייט פון אַזוינע פראַגן. ער האָט געהאַט נאָר איין שטרעבונג: פּראָגרעס, קולטור, בילדונג,—השכּלה אין ברייטן אַלמענשליכן זין. נאָר דעם וועג האָט ער פאַלש געזעהן,—פאַלש לויט דעם, וואָס די געשיכטע האָט געבראַכט... אָבער לעוואַנדא איז קיינמאָל קיין נביא ניט געווען, האָט קיינמאָל קיין אינטואיציע ניט געהאַט.

אין יעדן איינציגן פּעריאָד איז לעוואַנדא געווען אַ גאַנצע פּערזענליכקייט, אָן ספקות, אָן ברעקלעניש. און דורך און דורך גאַנץ איז ער אויך געווען אין לעצטן פּעריאָד. איז חובבי־ציוניזם — איז מיט ליב און זעל. לעוואַנדא — אַ חובב־ציון! און די קנאַפּע, לעצטע אַכט יאָר פון דעם דאָזיגן לעצטן פּעריאָד פון זיין לעבן, ווען ער איז שוין איינגעבראָכן געוואָרן פיזיש און צום סוף אויך

גייסטיג, פאַרבלייבן דאָך די אינהאַלטסרייכע, די פּסיכילאָגיש-אינ-טערעסאַנטסטע פון דעם דאָזיגן מענשן-לעבן.

עס איז אַ מצוה אויפמערקזאַם צו לייענען לעוואַנדאָס בריוו. זיינע אייגענע און די, וואָס צו אים. אומגעהויער וויכטיגע דאָקו-מענטן זיינען עס. גייסטער שוועבן פון די שורות און וועקן אויף דאָס פאַרגאַנגענע, וואָס איז פול מיט לעבן געווען.

אין זעלבן יאָר פון לעוואַנדאָס טויט האָט אליקום בדחן פאַרפאַסט און אָפּגעדרוקט אַ ליד לכבוד דעם אָנדענקן פון לע-וואַנדאָ׳ן. מיט דריי יאָר פריהער, אין יאָר 1885, איז געשטאָרבן פרץ סמאָלענסקין, און שוין דאָ באַלד — לעוואַנדא. דאָס ליד באַ-קלאָגט דעם טויט פון די צוויי יידישע נאַציאָנאַלע טוער, וואָס זיינען ביידע אַזוי יונג אין קבר אַוועק. אין גרעסטן טייל איז דאָס אַ טרויעריגע קלאָג-ליד אויף לעוואַנדאָ׳ס טויט.

„ביט אויסגעטריקנט האָבן נאָך די טרערן...‟ יאָרן-לאַנג האָט מען דאָס דאָזיגע טרויער-ליד נאָך לעוואַנד׳ן אין יידישע הייזער געזונגען...

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי.

אין דער גאַנצער יידישער פּובליציסטיק זעה איך ניט קיין אינטערעסאַנטערע פּערזענליכקייט פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי.

אין אים האָבּן זיך *אָרגאַניש* פאַראייניגט אַ הייסער טעמפּעראַמענט פון אַן אידעען־אַגיטאַטאָר און אַ קלאָרער שכל פון אַ קלוגן געלערנטן קאָפּ; אַ נאַציאָנאַלער ייד און אַ פאַרברענטער סאָציאַליסט; אַ פירער פון דער אינטעליגענץ און אַן עכטער קולטור־טרעגער צווישן די געדיכסטע פאָלקס־מאַסן; אַ טעאָרעטיקער און אַ קעמפער; אַ פאָרשער און אַ רעוואָלוציאָנער.

און ניט יעדע זאַך פון די אַלע באַזונדער, נאָר אַלץ צוזאַמען. אַלץ איינצייטיג און אַלץ—דורך און דורך נאַטירליך צונויפגעבּונדן, ווי איין *אומטיילבּאַרע גאַנצע*. עס איז שווער צו זאָגן, וואו הויבּט זיך אָן דאָס איינע און ענדיגט זיך דאָס צווייטע. און דעריבּער האָט זשיטלאָווסקי תמיד געווירקט אויף דער אינטעליגענץ און אויף די מאַסן—און אויף בּיידע *דירעקט*.

דער טאַלענט ווירקט שטענדיג, אָבּער פון שטאַנדפּונקט פון מענשליכער אַנטוויקלונג און קולטור־פּראָגרעס איז דער בּאַגריף „טאַלענט״ אַ דורכאויס לפי־ערכדיגער, ווייל פון דעם דאָזיגן שטאַנדפּונקט איז דאָס וויכטיגסטע דער *אינהאַלט* פון דער ווירקונג, וואָס דער טאַלענט ווייזט אַרויס. און דער אינהאַלט קאָן זיין נוצליך און שעדליך. ניט איין יעזואיטישער אַבּאַט האָט מיט גרויס טאַלענט פאַרפינסטערט די מוחות פון פאָלק. און ניט איין אַסימילאַטאָרישער טאַלענט האָט אונז דעם גרעסטן שאָדן געבּראַכט.

אין זשיטלאָווסקי׳ן האָבּן מיר אַ טאַלענט, וואָס האָט איבּער

דריי צענדליג יאָר כסדר צום געטרייסטן און אָן אויפהער געדינט
און דינט די בעסטע אידעאַלן פון דער פראָגרעסיווער מענטשהייט
און די אמתע באַדערפעניש פון די ברייטסטע יידישע פאָלקס=
מאַסן. דער לאָזונג—די יידישע אינטעליגענץ דעם
יידישן פאָלק!—האָט אין זשיטלאָווסקי'ן גופא געפונען זיין
געטרייע פאַרקערפערונג. און דעם דאָזיגן וויכטיגסטן פאַר אונז
פון אַלע לאָזונגען האָט זשיטלאָווסקי ניט אויפגעהערט צו פראָ=
פאַגאַנדירן יאָרן=לאַנג שריפטליך און מונדליך, אין דער טעאָריע
און אין דער טאַט.

אָ, ווען די יידישע אינטעליגענץ וואָלט ניט פאַרלאָזן איר
פאָלק! צענדליגער פון די פראָבלעמען, וואָס פאַרנעמען אונזערע
מוחות, וואָלטן אפשר דאַן גאָר ניט עקסיסטירט. און הונדערטער
נסיונות, וואָס די הייפלעך יידישע נאַציאָנאַליסטן=דעמאָקראַטן
הויבן דאָ און דאָרט מיט מאַטערניש אָן און האָבן ניט בכח צו
ענדיגן,—וואָלטן שוין לאַנג געקומען צו זייער פאַרווירקליכונג.
די יידישע קולטור וואָלט פיל רייכער געווען, די יידישע ליטעראַ=
טור וואָלט זיך שטאַרקער אַנטוויקלט—און אונזערע אייגענע גיי=
סטיגע קרעפטן וואָלטן ניט אַוועקגעשוואומען אויף אַלע פיר ווינטן
און וואָלטן ניט אויסגעביטן געוואָרן צו קליינגעלט אין פרעמדע
מחנות פון אַלע שבעים לשונות. די גרעסטע צרה און דעם גרעסטן
שאָדן, וואָס די אַסימילאַציע טוט אונז אָן,—איז גראָד דאָס, וואָס
זי רייסט אַרויס פון אונזער פאָלקס=אָרגאַניזם גאַנצע מאַסן זאַפ=
טיגע עלעמענטן.

און דער קאַמף, וואָס דאַרף דערביי געפירט ווערן, דאַרף
זיין אַ קנאים=קאַמף. מען טאָר קיין איין פּאָזיציע ניט אָפּגעבן,
מען טאָר קיין איין פאַל ניט דורכלאָזן. צווייפאַכיג דאַרף מען
קעמפן: אין וואָרט און אין טאַט. די שריפטליכע און מונדליכע
אַגיטאַציע דאַרף און מוז באַגלייט ווערן דורך קאָנקרעטע מעשים.
מען דאַרף האַלטן אין איין וועקן, אין איין רופן, אין איין אויפ=
קלערן און—אין איין שאַפן. די קולטורטרעגערייי דאַרף זיין קול=

זור, און די קולטור דאַרף זיין קולטורטרעגעריי. דאָס הייסט:
מען דאַרף גיין אין פאָלק און אים וואָס ברייגגען, און דאָס דאָ=
זיגע „וואָס" דאַרף זיין עפּעס ממשות׳דיגס, עכטס, ניט נאָכגע=
מאַכטס. די אַסימילאַציע, וואָס איז אַ פּראָדוקט פון אַרומיגן לעבן,
זוי אויך די אָביעקטיווע באַדינגונגען גופא, קאָנען תמיד ביי אַזאַ
קאַמף און פון אַ געוויסן שטאַנדפּונקט באַקעמפּט ווערן, און דער
געזונטסטער קערן, וואָס אויף אים קאָן דער קאַמף זיכער זיך אָנ=
שפּאַרן, זיינען די ברייטע יידישע פאָלקס=מאַסן. די ראָלע פון
דער יידישער אינטעליגענץ איז אָט די פאַראייביגונג מיט אָט דעם
געזונדסטן קערן פון פאָלק.

זשיטלאָווסקי האָט זיין לעבן=לאַנג די אַרבעט געטאָן. אמת,
פון זיין ערשטן בוך „וועגן דעם געשיכטליכן גורל פון יידישן
פאָלק" (1887) ביז זיינע אַרטיקלען אין „דאָס נייע לעבן" איז אין
כמה פּרטים אַ גרויסער מהלך—וואָס ווייטער אַלץ נאַציאָנאַלער!—
אָבער שוין אין יענעם ערשטן בוך שפּמערירן די שפּעטערדיגע
שפּראָצונגען. און וואָס טיפער זשיטלאָווסקי האָט זיך אין יידישן
לעבן אַריינגעטראַכט, און דער עיקר, וואָס נענטער ער איז גע=
קומען אין באַרירונג מיט דעם דאָזיגן לעבן, אַלץ מער נאַציאָנאַ=
לער דעמאָקראַט ווערט ער,—נאַציאָנאַלער דעמקראַט אין דעם
שענסטן און אינהאַלטסרייכסטן זין פון וואָרט.

אויף זיין פאָן שרייבט זשיטלאָווסקי אויף: יידיש! די
שפּראַך פון פאָלק, פון גאַנצן פאָלק—און די שפּראַך פון דער
נייער יידישער קולטור, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן שאַפן און
וואָס דאַרף אַלץ ברייטער און טיפער געשאַפן ווערן. די שפּראַך,
וואָס איז אַ שליסל צום רוב בנין און רוב מנין פון יידישן פאָלק.
די שפּראַך, וואָס אָן איר איז מער ניט מעגליך קיין איין געזעל=
שאַפטליכע, קולטורעלע אָדער רעליגיעזע באַוועגונג אין פאָלק,
צולעצט, די שפּראַך, וואָס איז דער נאַטירליכער בריק, וועלכער
איז מסוגל צונויפצוברייגגען און צו פאַראייניגן די אינטעליגענץ
מיטן פאָלק.

און ניט נאָר יידיש אַלס שפּראַך, נאָר פיל גרעסער און אומפאַסענדער: יידיש אַלס גרונטאָנשויאונג פון פאָלקסלעבן. דאָס הייסט — אַ יידיש לעבן אין דער פאַמיליע, אין דער סביבה, אין גייסטיגן לעבן. דורך דעם אַלערערשטן און אַלערוויכטיגסטן אינסטיטוט — דורך דער שול — דאַרף דער יונגער יידישער דור באַקומען זיין יידישע ערציהונג, און קומענדיג אַהיים, דאַרף ער דאָרט געפינען אַ יידישע סביבה, וואו די ערציהונג זאָל נאַטירליך באַקומען איר פאַרפולקומונג. און די ערציהונג דאַרף זיין אַ פרייהייטליכע און אַ יידישע, אין גייסט פון די בעסטע פאָרטשריטליכע טראַדיציעס.

אויף דער פאָלקס-שפּראַך קאָן מען שאַפן די טייערסטע גיטער. און ניט בלויז קונסט, נאָר אויך וויסענשאַפט. צום פאָלק דאַרף מען קומען ניט מיט וואולגאַריזאַציע פון דער וויסענשאַפט, נאָר מיט עכטער, אמת׳ער וויסענשאַפט, וואָס זאָל נאָר זיין פאָפולער דערקלערט און צוגענגליך לויט דער פאָרם. דער אינהאַלט טאָר אָבער ניט ליידן.

און זשיטלאָווסקי שרייבט אָן אויף יידיש אַ בוך „פילאָזאָפיע" און אַ גאַנצע ריי אַרטיקלען, וואָס רירן אָן ערנסט און גלענצענד-פאָפולער פיל פראַגן פון די געזעלשאַפטליכע וויסענשאַפטן, קודם כל אויף דעם געביט פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

זשיטלאָווסקי גרינדעט דעם זשורנאַל „דאָס נייע לעבן", וואָס יאָרן נאָכאַנאַנד פון נומער צו נומער אַנטהאַלט ער לייט-אַרטיקלען פון רעדאַקטאָר גופא, — לייט-אַרטיקלען, וואָס באַהאַנדלען אַ סך יידישע פראַגן מיט אַ זעלטענער פרייהייט פון געדאַנק און מיט אַ דרייסטקייט פון אַנאַליז, וואָס ביז יענעם מאָמענט איז זי ניט געהערט געווען אין דער יידישער ליטעראַטור, דער זשורנאַל ווייזט אַ מוסטער, ווי אויף דער יידישער שפּראַך קאָנען טיף באַהאַנדעלט ווערן די בייסטע אידייען פון דער קולטורעלער וועלט, און ווי אַזוי די יידישע אינטעליגענץ צוגלייך מיט די געבילדעטערע לעזער פון די פאָלקס-מאַסען קאָנען אויף דער שפּראַך געפינען אַן

עכטע גייסטיגע שפּייז, וואָס דערוועקט דעם מח צום זעלבשטענדיגן דיינקען און די האַרץ טרייבט עס צו פילן און איבערלעבן.

אַ גאַנצע ריי פראַגן האָט זשיטלאָווסקי **צום ערשטן** אַרויסגערוקט אין דער יידישער אידייען־וועלט.

פון זיין ערשטן בוך אָן דורך אַלע זיינע שפּעטערדיגע בראָשורן און אַרטיקלען האָט ער תמיד געהאַלטן אונזער פּובליציסטיק אין איין באַוועגען צו נייע געדאַנקען, צו אָריגינעלע באַטראַכטונגען. אָפטמאָל האָט ער אַרויסגערופן קעגן זיך אַ שאַרפע קריטיק, אָפּטמאָל איז מען אים פשוט באַפאַלען מיט זלזולים, נאָך פיל מער מאָל האָט מען קעגן אים געקעמפט און זיינע מיינונגען באַשטריטן, — אָנהויבנדיג פון אַ העברעאישער צייטונג אין יאָר 1887, וואָס האָט אים געקרוינט מיט דעם נאָמען „עוכר ישראל", ביז די לעצטע אַרויסטרעטונגען זיינע, דאָס הייסט פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין טעטיגקייט. און געוויס איז פאַראַן וואָס צו באַשטרייטן אין אַ סך פּרטים פון זשיטלאָווסקי'ס אָנשויאונגען. אָבער אַזוי איז דער גורל פון יעדן דיינקער, — ער בריינגט לעבן און אידייען, און לעבן און אידייען קאָכן און זידן און רופן אַרויס ניי לעבן און נייע אידייען, אין קאַמף און שטרייט, אין וועג צום אמת. וואָס מער מען זוכט — אַלץ מער געפינט מען.

ווער געדיינקט ניט, וויפיל אונזער פּרעסע האָט גע'רעש'ט און געטומעלט, ווען זשיטלאָווסקי איז דער ערשטער אַרויסגעטראָטן מיט דער קריסטענטום־יידנטום־פראַגע? מיט דער פראַגע וועגן פאַראייניגן די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען? מיט דער פראַגע וועגן דער אַליינהערשאַפט פון יידיש? א. אַז. וו. א. אַז. וו.

און מיט נאָך יאָרן צוריק איז אַזוי געווען אויף אַנדערע געביטן און ביי אַנדערע באַדינגונגען, מיט זיין „אַ ייד צו יידן" (1892) און דערנאָך מיט זיין „סאָציאַליזם און די נאַציאָנאַליטעטן־פראַגע (1899), וואָס האָט צוגעגרייט די מיינונג פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פאַר דעם באַוואוסטן ברינער פּאַרטיי־טאָג, וואָס אויך אים האָט די פּאַרטיי אָנגענומען וועגן דער

נאַציאָנאַלער פראַגע אַ רעוואָלוציע, וועלכע שטימט אַזוי גוט חי אינגאַנצן אַיין מיט די טעאָרעטישע אָנשויאונגען פון זשיטלאָווסקי׳ס בוך. אין דעם פּרט איז זשיטלאָווסקי געווען דער פאָרלויפער אין דעם אַלטוועלטליכן סאָציאַליזם.

אין די אַלע אַרבעטן איז זשיטלאָווסקי אַ דיינקער פון אַ זעלבשטענדיגן יידישן סאָציאַליזם, וואָס פאַר אים האָט ער ניט אויפגעהערט צו ווירקן צווישן דער יידישער אַרבעטערשאַפט ביז אויף דעם היינטיגן טאָג.

אין 1892, אין דער צייט, ווען צווישן דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָט געהערשט אין בעסטן פאַל אַ פולשטענדיגער אינדיפערענטיזם צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע בכלל און צו דער יידישער על אחת כמה וכמה, ווען גאַנצע פינף יאָר האָבן נאָך געפעלט צו דער גרינדונג פון דער 1-טער יידישער אַרבעטער-פאַרטיי, האָט זשיטלאָווסקי אין זיין „יעווריי ק׳ יעווריעאַם" מיט דעם פולן מויל אַרויסגעזאָגט צו זיינע חברים די פאָלגנדיגע מערקווירדיגע ווערטער:

„איך ווייס ניט; עס קאָן זיין, אַז פון דעם שטאַנדפונקט פון דער אַלוועלטליכער מענשליכער געשיכטע, איז די יידישע פראַגע אין רוסלאַנד אין דער אמת׳ן אַזאַ קליינינקע און ניט וויכטיגע, אַז אַ מענש מיט אַ ברייטערן האָריזאָנט, קאָן זיין, וועט זי גאָר ניט באַמערקן. אָבער אונז, יידן, איז דאָך דערפון ניט גרינגער. מיר זיינען דאָך ניט שולדיג דערין, וואָס ניט אַלע פון אונז זיינען באַשיינקט מיט אַזאַ ברייטן האַרץ, וואָס זאָל קאָנען אַריינעמען די גאַנצע מענטשהייט, שיער ניט ביז צום אוראַנג-אוטאַנג. און מיר קאָנען דאָך ניט צוליב וועלט-אידייען און געשיכטס-פילאָזאָפישע היפּאָטעזן, קוקן אויף זיך, ווי אויף וואָסערע 4 פראָצ. פון עמיצן אַן אַנדערן, בעת מיר זיינען הונדערט פראָצענט פון זיך אַליין. און עס איז אונז שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז די אמת׳ע ליבע צו דער מענטשהייט זאָל גיין להיפך צו דעם אמת׳ן פאַטריאָטיזם, וואָס וויל נאָר איין זאַך: אַז די אַלגעמיינע מענטשליכע אידעאַלן

וואָס די בעסטע מענטשן פון אַלע פעלקער האָבן אויסגעאַרבעט, זאָל דאָס אייגענע פאָלק וואָס גיכער און וואָס פולער פאַרקערפּערן אין זיין פאָלקס=לעבן".

אין די ווערטער זעט מען שוין די פּראָגראַם פאַר די אַלע שפּעטערדיגע יידישע נאַציאָנאַליסטן פון סאָציאַליסטישן לאַגער. די אַלגעמיין=מענטשליכע אידעאַלן קאָנען ניט סותר זיין די באַדערפענישן פון אייגענעם פאָלק, און דער ריכטיג=פאַרשטאַנענער נאַציאָנאַליזם קאָן ניט זיין אַנדערש, ווי פרייהייטליך און אַלגעמיין=מענטשליך. דאָס הייסט: די גיטער, וואָס יעדע נאַציע אַרבעט אויס פאַר זיך, ווערן אַ גייסטיגער פאַרמעגען פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, פונקט ווי יעדע איינציגע נאַציע מוז זיך שפּייזן פון דעם גרויסן אַלגעמיין=מענטשליכן גייסטיגן קוואַל. און די אַלע נאַציאָנאַלע קולטורן צוזאַמען, יעדערע מיט אירע תכונות און אָריגינעלע שאַפונגען, בילדן אינאיינעם אָט יענעם גרויסן אַלגעמיין=מענטשליכן גייסטיגן קוואַל. יעדע נאַציע שעפּט ביי דער אַנדערער — און וואָס איינע שאַפט, איז אָפן פאַר אַלעמען. און מיט רעכט קען מען זאָגן פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז אַ נאַציאָנאַלע קולטור איז אַן אינטערנאַציאָנאַלע קולטור. דער אמת'ער פרייהייטליכער נאַציאָנאַליזם איז די גרעסטע ברכה פאַר דער קולטורעלער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט.

מען קאָן ניט זיין קיין אמת'ער יידישער נאַציאָנאַליסט און דערביי ניט זיין קיין דעמאָקראַט. מען קאָן ניט גיין אין פאָלק, און דערביי ניט זיין קיין נאַציאָנאַליסט. די ברייטע יידישע פאָלקס=מאַסן גופא האָבן עס באַשיינפערליך באַוויזן אין די לעצטע פאָר צענדליג יאָר, ווען זיי האָבן אויפגעוואַכט צו זעלבסטשטעטיגקייט.

זשיטלאָווסקי איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָט צום שטאַרקסטן מיטגעווירקט צו דער דאָזיגער גרויסער אויפוואַכונג פון די יידישע פאָלקס=מאַסן. אַלס היסטאָריקער האָט ער געזען דאָס אַלטע יידישע לעבן, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט די אידעאַלן פון די נביאים און דעם וואודערבאַרן קאָמוניזם פון די אסים. און

אַלס טוער פון טאָג, אַלס פאָרשער פון דער ג ע ג נ װ אַ ר ט, האָט ער געזען די ייִדישע פּרנסות, די שרעקליכע אָרימקייט און עם=הארצות פון דער מאַסע, דעם פינסטערן פאַנאַטיזם, די זעלבסט=צופרידנקייט פון דער ייִדישער בורזשואַזיע און דעם טיפן תהום, וואָס איז אויסגעגראָבן געוואָרן צווישן דעם פאָלק און זיין אינטעליגענץ.

עס האָט געמוזט אָנגעהויבן ווערן אַ גוואַלדיג=גרויסע פּראָפּאַגאַנדע אין דער טיף און אין דער ברייט. אומקערן זיך צום אייגענעם פאָלק, ברייִנגען אים ליכט, בילדונג, אידעאַלן! און פירן די פּראָפּאַגאַנדע צווישן פאָלק אויף דעם אייגענעם לשון פונם פאָלק! זייענדיג אַ „נאַראָדניק“, איז זשיטלאָווסקי געוואָרן אַ י י ד י ש ע ר נאַראָדניק מיט אַ זעלבשטענדיגן אַנאַליז פון דער ייִדישערווירקליכקייט.

די פּראָפּאַגאַנדע איז אָנגעהויבן געוואָרן, די דעמאָקראַטישע אידייען זיינען ווייט אַריינגעדרונגען צווישן דער ייִדישער מאַסע, און מיט דעם גאַנג פון דער צייט האָט זיך אין ייִדישן לעבן אינעווייניג אַזוי פיל געביטן, אַז די ייִדישע מאַסע, וואָס איז געווען פאַרזונקען אין פאַנאַטיזם און עם=הארצות, איז געוואָרן אַ שאַפענדער כח אין פאָלק, וואָס ברייִנגט שוין אויך פון זיך אַליין אַרויס פירער און וועגווייזער, דאָס, וואָס מען רופט „אינטעליגענץ“. און די ווירקליכקייט באַווייזט, אַז די אַרבעטער=אינטעליגענץ איז אפשר די געזונטסטע, די גאַנצסטע און זיכערסטע...

עס איז נאָך זעהר פיל פאַרהאַן, וואָס צו טאָן, די אינעווייניגסטע איבערקערעניש אין ייִדישן לעבן האָט נאָר ברייטער געמעכט די טויערן, וואָס דורך זיי דאַרפן פליסן ליכט און קולטור צום פאָלק. און די איבערקערעניש האָט נאָך אויך אַרויסגעדרוקט אין איר גאַנצער גרייס די פראַגע פון גאַנצן ייִדישן פאָלק, אַלס נ אַ צ י ע.

זשיטלאָווסקי האָט זיין ענטפער אויף דער דאָזיגער פראַגע—

אַן ענטפער, וואָס דער וועטעראַן פון יידישן סאָציאַליזם האָט אויס־געאַרבעט אין משך פון פינף און צוואַנציג יאָר אַרבעט:

„1) די ווידעראויפלעבונג פון דעם יידישן פאָלק אין די גלות־לענדער אויף די יסודות פון ערד־אַרבעט, יידישער שפּראַך און אייראָפּעישער קולטור!

2) די יידישע אינטעליגענץ דעם יידישן פאָלק!

3) אַן אייגן לאַנד!"

אין דעם ענטפער, וואָס זשיטלאָווסקי האָט געגעבן נאָך מיט צען יאָר צוריק, האָט ער פאָרמולירט די טעאָרעטישע און פּראַקטישע גרונדליניעס. פון זיין שפּעטערדיגער טעטיגקייט איז צו זען, אַז אין לעצטן פונקט נעמט זשיטלאָווסקי אריין ארץ־ישראל.

אָבער קודם כל שטאַמט פון דעם ענטפער, אַז דאָס אום־באַדינגט אַלערוויכטיגסטע און אַלערערשטע, וואָס עס איז פאַראַן צו טאָן אין דער געגנוואַרט, טאָג־טעגליך, איז די אומאויפהערליכע קולטורעל־געזעלשאַפטליכע אַרבעט צווישן און מיט די ברייטסטע מאַסן פון פאָלק. יידישע קולטור, פאָלקסטימליכקייט, ליכט, בילדונג, זעלבסטהילף.

די אַרבעט האָט זשיטלאָווסקי געטאָן זיין לעבן־לאַנג (אַליין נעמענדיג אַן אָנטייל אין שאַפן די יידישע קולטור!), און דאָס איז זיין גרעסטער פאַרדינסט פאַר דער יידישער אַרבעטערשאַפט און דעם יידישן פאָלק.

אין דער געשיכטע פון דער יידישער אינטעליגענץ פאַרנעמט זשיטלאָווסקי איינעם פון די בכבודיגסטע ערטער אין דעם אויבענאָן.

דער נייער בירנבוים.

א.

ד״ר נתן בירנבוים איז אַריינגעטראָטן אין דער דריטער פאַזע פון זיין אינערליכער אַנטוויקלונג. און ווען דיביידע ערשטע מאָל איז ער דאָך פאַרבליבן בירנבוים, איז ער איצט באמת געוואָרן אחר, מתתיהו אחר.

דער „אַלטער״ בירנבוים, וועלכער האָט אָנגעהויבן שרייבן אין 1882 און אין 1885 האָט ער אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן זיין „זעלבסטעמאַנציפאַציאָן״, האָט מיט ענדערונגען און שנויים דורכגע־מאַכט אַ ווייטערדיגע אַנטוויקלונג, וועלכע ווערט אויסגעדריקט אין זיינע ווערק פון ערשטן צענדליג יאָר פון אונזער דור.

די ערשטע פאַזע קאָן כאַראַקטעריזירט ווערן מיטן לאָזונג: „דער אופן פון פאַרענטפערן די יידן־פראַגע, וועלכן די ציוניסטן שלאָגן פאָר, ליגט אין די אינטערעסן פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט, אין די אינטערעסן פון אַלע נאַציעס און פאַרטייען. דעריבער דערוואַרטן מיר ציוניסטן, אַז אונזערע פאַרלאַנגען וועלן געפינען אַן אָפּקלאַנג אין דער ציוויליזירטער וועלט; דעריבער ווענדן מיר זיך מיט אַן אויפרוף צו אַלע גוטע און איידעלע פון אַלע נאַציעס: העלפט אונז ביי דער גרויסער אַרבעט פון אונזער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג פון יידישן פאָלק מיט ראַט און טאַט״! („די נאַציאָנאַלע ווידערגעבורט פון יידישן פאָלק אין זיין לאַנד״, 1893).

וואָס ווייטער ווערט דער ציוניסטישער געדאַנק ביי בירנ־בוימען טיפער אין די גאַנצע קאָנצעפּציע פון זיין באַנעמען די

יידן=פראַגע קאָמפּליצירטער. בירנבוימס אַרטיקלען וועגן ציוניזם אַלס קולטור=באַוועגונג, וויסענשאַפט און ציוניזם, אַסימילאַציע, יודאַאיזם און העלעניזם, קונסט און ציוניזם, אַנטיסעמיטיזם, רענעסאַנס, סאָציאַליזם און ציוניזם האָבּן אַריינגעטראָגן אין דער ציוניסטישער און בכלל אין דער יידישער געדאַנקן=וועלט אַ גרויסן סכום אינטערעסאַנטע, אָריגינעלע און טיפע אידייען, וואָס האָבּן געווירקט באַפרוכטענד.

אָנהויבנדיג פון 1903 און ווייטער (געגוויע דאַטן לאָזן זיך ניט פעסטשטעלן) גייט בירנבוים אַלץ מער און מער אַריבער צו דער פּראָבלעם פון אָסט=יידנטום און וועסט=יידנטום, צו דער פּראָבלעם פון אַ גאַנצער יידישער אַרבעט אין גלות און—פון דער יידישער שפּראַך.

דער נייער לאָזונג איז: „ישראל איז פריער פון ציון. און ציון גופא קאָן מען אָן דער דאָזיגער אָנערקענונג ניט דערגרייכן!" („צו דער קריטיק פון פּאָליטישן און קולטורעלן ציוניזם", 1905).

„און נאָך עפּעס: ווען מיר גלויבן מער אין זשעני פון די האָטענטאָטן ווי אין אונזערן, ווען מיר האַלטן פאַר אַ שפּראַך זיין אָרימען געפּלאַפּל און אונזער שפּראַך, אָבער, אין וועלכער מיר האָבּן הונדערטער יאָרן אַריינגעלייגט אונזער גייסט, אונזער האַרץ, אונזער הומאָר, אונזער פרייד און אונזער טרויער, פאַר אַ פּלוידעריי, פאַר אַ זשאַרגאָן, איז ווי אַזוי ווי זאָל אַזאַ פאָלק מיט אַ שטענדיגער מאַיעסטעט=באַליידיגונג קעגן זיך גופא האָבּן אַ געפיל פאַר זיין כבוד און פאַר זיין נאַציאָנאַלער סוּווערעניטעט? לאָזט אונז נאָר אַראָפּציען פון אונזער מוטערשפּראַך די מיאוסע קליידער, וועלכע איר האָט אַרויפגעלייגט אויף אונזער שוואַכן קראַנקן יידנטום, און אונזער פאָלק וועט ווידער שטראַלן און לייכטן אין כבוד"! (עפענונגס=רעדע אויף דער יידישער שפּראַך=קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ, 1908).

דער בירנבוים פון דער צווייטער פּאַזע האָט זיך ווייט אַוועקגערוקט פון ערשטן, אָבער ביידע זיינען זיי געבליבן שטיין אויפן

זעלבן וועג פון אויסגעפינען די מיטלען צו דער אויפלעבונג פון אונזער פאָלק, אויף דעמזעלבן וועג פון יידישן נאַציאָנאַליזם, וואָס פאַר בירנבוימען האָט ער זיך אָנגעהויבן מיט ציון און גע־ ענדיגט מיט יידיש, ניט אויסשליסנדיג קיין איינעם פון די ביידע עלעמענטן און אָנערקענענדיג העברעאיש און אַלע איבעריגע גיטער פון יידישן פאָלק אין נוסח פון מאָדערנעם, וועלטליכען יידישן נאַציאָנאַליזם, וואָס בירנבוים האָט אים אַזוי שטאַרק מיט־ געהאָלפן אויפצובויען אין משך פון זיין גאַנצער 35־יאָריגער שאַ־ פונג.

אָט אַזאַ איז אויך בירנבוים פאַרבליבן פאַר דעם גרויסן עולם לעזער ביז דער מלחמה, ווען ס׳איז פאַרשטעלט געוואָרן יע־ דע מעגליכקייט פון אַ וויטערדיגער פאַרבינדונג. פּלוצלונג, אין יוני 1917, האָט זיך אין אַ וואַרשעווער יידישער צייטונג באַוויזן אַ מאָדנע נאָטיץ: „דער יידישער בוך־ און קונסט־פאַרלאַג״ אין ווין גיט איינגיכן אַרויס אַ מערקווירדיגע בראָשורע אויף העברעאיש און יידיש אונטערן נאָמען „דברי העולים״. די בראָשורע געפינט זיך אין אַ צוזאַמענהאַנג מיט אַ רעפעראַט, וואָס ד״ר נתן בירנבוים האָט מיט אַ צייט צוריק געהאַלטן, און ווענדעט זיך דער עיקר צו די אָסט־יידן. זי אַנטהאַלט אַ מין אויפרוף צו פאַראייניגן אַלע מענטשן און כוחות, וואָס דורך שטרייננגסטער תורה־טריישאַפט, אינטענסיווסטן שטרעבן צו קדושה און דורך אָפּהיטן די מצוות און דינים, ווילן זיי העלפן, אַז משיח זאָל קומען. אין דער בראָשורע געפינען זיך אינסטרוקציעס פאַר אַלע, וואָס פאַראייניגן זיך אויף דעם יסוד, און אַן אַרטיקל פון ט. ה. וועגן ד״ר בירנבוים און זיין שיטה״.

אין אַ קורצער צייט אַרום זיינען באמת ערשינען די דאָזיגע מערקווירדיגע ביכלעך: צוערשט אַ העפט אונטערן נאָמען: „יום־ טוב־ביכער. שבועות. רעדאַגירט פון פ. וויקטאָווער־אימן״, אין וועלכן ס׳געפינט זיך ד״ר נתן בירנבוים׳ס אַרטיקל: „מיט וואָס איך שעם מיך היינט״—און דערנאָך דאָס העפט פון „דברי־העולים׳

גופא מיט פאָלגענדעם אינהאַלט: עת לעשות פון ד"ר בירנבוים; דברי העולים; ד"ר נתן בירנבוים און זיין נייע שיטה פון „אחד העולים".

ביידע ביכלעך זיינען ערשינען אין פאַרלאַג פון מאַקס היקל אין ברין.

די געדאַנקען, וועלכע ווערן אַרויסגעזאָגט אין די דאָזיגע נייע אַרטיקלען פון נייעם בירנבוים, געפינען זיך אין אַלגעמיינעם בהסכם מיט דער כאַראַקטעריסטיק פון נאָטיץ, הגם ניט אין אַזאַ האַרבער פאָרם און ניט אין אַזאַ איבערפלעכליכער אויסלייגונג.

דעם נייער בירנבוים, וואָס איז ערשינען פלוצלונג, איז באמת גאָר ניט אַזוי „פלוצלונג" געקומען צו זיין נייער הכרה. דאָס וואָלט זיך גאָר אויך שווער געווען פאָרצושטעלן בנוגע צו אַזאַ טיפן דיינקער, ווי בירנבוים איז,—און אין דער אמת'ן האָט זיך בירנבוים יאָרן לאַנג געטראָגן מיט זיינע נייע אידייען, וועלכע ער האָט באַהאַלטן פון גרויסן עולם און וועגן וועלכע ער האָט אַ וואָרט ניט געשריבן, ביז ער האָט זיי שפּעטער ניט אַנטפּלעקט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, דערמאָן איך זיך אַן עפּיזאָד פון מיין פאַרברייינגען מיט ד"ר נתן בירנבוים בעת זיין באַזוכן ווילנע אין יאָר 1911.

סוף יאַנואַר 1911 האָב איך באַקומען אַ בריוו פון ד"ר בירנ-בוים, אַז מאָנטאָג, דעם 31 יאַנואַר פאַרטאָג וועט ער קומען פון וואַרשע קיין ווילנע און אַז איך זאָל זען מען זאָל ניט פאַרגעסן צו שיקן וועמען ניט איז צום באַן אים באַגעגענען. גלייכצייטיג שרייבט ער וועגן דעם אין „העולם".

ד"ר בירנבוים האָט דאַן געמאַכט אַ רייזע פון טשערנאָוויץ קיין רוסלאַנד צוליב פּערזענליכע ענינים.

געקומען צום באַן באַגעגענען זיינען פון „העולם" א. מ. באָ-ראָכאָוו און איך. ד"ר בירנבוים איז אַרויס פון וואַגאָן אין אַ די-נענקן קורצן מאַנטעלע און האָט געציטערט פאַר קעלט. זיין הויכע נביאישע פיגור מיט דעם זייער כאַראַקטעריסטישן געזיכט, דעם שטערן, דעם נאָז און דער באָרד, האָט אונז אומרוהיג אויפ-

געזוכט און אין עטליכע מינוט אַרום זיינען מיר שוין זאַלבעדריט געזעסן אין אַ ברייטן שליטן פון „גראַנד־האָטעל" מיט אַ פּאָר פערד און האָבן זיך געטראָגן פון וואָקזאַל־גאַס איבער אָסטראָ־בראָם, וואו דער האָטעל געפינט זיך. דאָרט האָבן מיר גענומען פאַרן גאַסט אַ גרויסן שיינעם צימער.

כמעט טעגליך, ניט זעלטן צוויי און דריי מאָל אַ טאָג, פלעג איך זיין ביי אים. אָפט פלעגן צו אים קומען א. מ. באָראָכאָוו, ש. גאָרעליק, דוד אייגהאָרן.

איינמאָל זיינען מיר, — בירנבוים, גאָרעליק און איך, — גע־זעסן צוזאַמען אין „אימפּעריאַל". ס'איז שוין געווען בין השמשות. מיר האָבן גערעדט וועגן פאַרשיידענע שטרעמונגען ביי יידן, וועגן צוקונפט פון יידישן פאָלק, וועגן דער ראָל פון דער יידישער אינטעליגענץ. בירנבוים האָט זיך פונאַנדערגערעדט און האָט אָנ־געהויבן צו אַנטוויקלען אַ מין מיסטישע טעאָריע וועגן רעליגיעזע פערזענליכקייטן און וועגן „משיח'ס צייטן". נאָר אַ שטאַרקע רע־ליגיעזע נאַטור קאָן נאָך אויפריכטן דעם פאָלק. דער ציוניזם האָט פאַרשפילט, די אַלע איבעריגע באַוועגונגען קאָנען אויך ניט העלפן. ס'דאַרף אַנטשטיין אַ נייע מעכטיגע רעליגיעזע באַוועגונג פון גלוי־ביגע, אַ באַוועגונג, וואָס בראש פון איר זאָל שטיין אַ משיח. און וויסט איר וואָס? — דאָ האָט בירנבוים אַראָפּגעלאָזן דעם קול, — איך פיל זיך דערצו באַרופן. איך וועל זיך שטעלן בראש פון אַזאַ באַוועגונג. איך וועל ווערן דער משיח פון די יידן!... איך קאָן אייך נאָך ניט דערציילן אַלע פּרטים, אָבער איר וועט דערהערן וועגן דעם. ס'וועט קומען די צייט.

איך האָב זיך איבערגעקוקט מיט גאָרעליקן, — און מיר האָבן ביידע ווי פון זיך אַליין באַשלאָסן קיין וואָרט אויף דעם ניט ענטפערן. מיר האָבן נאָר אַ קוק געטאָן אויף בירנבוימען און האָבן פאַרשטאַנען, אַז ביי דעם מענשן אין קאָפּ וואַקסן עפּעס מטושטשע געדאַנקען, וואָס ס'איז שווער אַרויסצוזאָגן צי וועלן זיי אָננעמען אַ געפערליכן אָדער אַ פּרוכטבאַרן כאַראַקטער. על כל

פנים, עטוואָס איררעאַציאָנעלעס האָט זיך ביי דעם מענטשן אין מח באַזעצט. און דערצו האָט מאָדנע געקלונגען דער „איד", די מאַניע פון „איד". באַזונדערס נעגאַטיוו האָט זיך באַצויגן צו בירנבוימען פון יענער צייט גאָרעליק, הגם גאָרעליק גופא האָט זיך דאַן געטראָגן מיט רעליגיעזע אידייען. מער האָט בירנבוים וועגן דעם קיין איין וואָרט ניט גערעדט, און האָט מער מיט קיין זאַך ניט געגעבן אָנצוהערעניש, אַז ער האָט ווען ניט איז געהאַט מיט אונז אַזאַ געשפּרעך. מיר, פון אונזער זייט, האָבן אויך די זאַך אָפּגעלייגט אָן אַ זייט. ס'איז געווען ניט מער ווי אַן עפּיזאָד, אַ געהיימער געשפּרעך צווישן דריי מענשען.

און אין זעקס אַ האַלב יאָר אַרום ווערט אויפגעלעבט פון בירנבוימען אַליין יענער געהיימער געדאַנק, וועלכער איז אפשר נאָך עלטער און לייגער אויסגעטראָגן געוואָרן אין די טיפענישן פון זיין נשמה. בירנבויב לייענט שוין רעפעראַטן, שאַפט אָנהייבגער, שרייבט וועגן זיין נייער תורה טיף דורכגעדרונגענע אַרטיקלען. און וואָס וויל די נייע באַוועגונג אַראָפּרייסגען: אַ משיח'ן?... און וואָס איז בירנבוים גופא: אַ שליח פון משיח'ן?...

זעקס אַ האַלב יאָר. אַזוי לאַנג האָט זיך בירנבוים איינגעהאַלטן. האָט די מלחמה אים באַוואויגן אַרויסצוגיין בפרהסיא מיט זיינע אינטימסטע אידייען און מגלה צו זיין זיין סוד? האָט ער שוין געפונען די צייט פּאַסיג דערצו? איבריגענס, זייגען פאַראַן געוויסע שינויים צווישן בירנבוימס דעמאָלדיגע און איצטיגע רייד. דער תוך איז אָבער פאָרט דערזעלבער.

„הייבט, שרייבט בירנבוים, ווען איך בין שוין לאַנג געוואָרן גאָטזעהענדיג און איך האָב שוין אַ סך געקלערט וועגן גאָט, קען איך, אויב מען דאַרף עס גראָד, אונטערשטרייכן (חס וחלילה ניט באַווייזן) מיין אמונה מיט כל־ערליי רעיונות. נאָר די אַלע און אַנדערע אַזוינע רעיונות, פּונקט אַזוי ווי איך באַנוץ מיך היינט ניט מיט זיי, כדי צו שטיצן מיין אמונה, האָבן מיר אויך ניט געפירט צו איר. איך האָב גאָט ניט „געזוכט", ווי מען זאָגט עס היינט אַזוי

שיין און אַזוי גנביש, כ׳האָב אים ניט געדאַרפט „געפינען”. גאָרניט, ס׳האָט זיך פשוט דערוועקט אין מיר דער גייסט פון מיין פאָלק, די הכרה פון מיינע אָבות אַבותי, אָט יענע גראַנדיאָזע אינטואיציע פון דער היסטאָריע. גאָר אָן פאַרמיטלונג האָב איך דערקאָנט דעם, וואָס אין אים זיינען איינגעוואָרצעלט די גייסטליכע אַקסען פון אַלע פעלקער, דעם אָב וקדמון, דעם, וואָס צייכענט אָן פון פריהער די אַנטוויקלונגען, דעם וועלטפּלאַנער און וועלטבויער — גאָט!... האָב איך מיך נאָך געשעמט מודה צו זיין אויף מיין אמונה, נאָר כ׳האָב גובר געווען די דאָזיגע פאַלשע בושה און איר אָרט האָט פאַרנו־מען אַ נייע, אָן אמת׳ע, אַ פייערדיגע בושה, וועלכע האָט מיך עד היום ניט פאַרלאָזט: וואָס איך האָב אַזוי לאַנג געקענט זיין צווישן די, וואָס דערקאָנען אים ניט, וואָס וויסן ניט פון אים”... („מיט וואָס איך שעם מיך היינט”).

אין דברי־העולים ברענגט בירנבוים זיין נייע תורה. מתתיהו אחר רעדט צו אונז. מען דאַרף איר באַזונדערס באַטראַכטן.

ב.

די „דברי העולים”, אין וועלכע ד״ר בירנבוים דריקט אויס די קווינטעסענציע פון זיין נייער תורה, טראָגן אַ כאַראַקטער פון דערהויבענע ווערטער, פול מיט קדושה און יראת השם, און זיינען ווי אַ מין טעסטאַמענט, וואָס וויל לאָזן אַרויפשטייגן די יידן, וואָס וועלן גיין אין זיין וועג, צו גאָט. פון דאַנען נעמט זיך אויך דער באַגריף גופא „העולים”: די אויפשטייגנדע, די, וואָס זיינען עולה צום השם יתברך. דער פסוק פון שמות „ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדש” איז דאָ דער מאָטאָ, און די גרונטפּרינציפּן זיי־נען: די קדושה פון דעת, די קדושה פון רחמים און די קדושה פון תפארת. מיט דעם, וואָס מענטשן דערקענען גאָט, זיינען זיי זיך מתלהב אָן אים און זיינען זיך מכניע פאַר אים; מיט דעם, וואָס זיי זיינען קונה פון זיין מדת הרחמים און דערבאַרעמען זיך

איבער די בריות, ערפילן זיי זייער קדושה פון רחמים; מיט דעם, וואָס זיי לײַען זיך אויס אַ חלק פון זיין פראַכט און היילן זיך אין איר איין, דערגרייכן זיי די קדושה פון תפארת.

די „העולים" וועלן דעריבער עולה זיין פון מדרגה צו מדרגה אין די דאָזיגע דריי קדושות, און שטאַרקן דעם דאָזיגן ווילן קען מען דורך לערנען תורה, דורך תפילה, דורך גאָטס לידער און דורך גאָטס בנינים און דורך אויסמיידן די מהומות אויף דער וועלט.

גאָטס לידער און גאָטס בנינים — דאָס זיינען די דערהויבע־נע לידער, וואָס ווערן געזונגען אין דערהויבענע בנינים, וועלכע ווערן געבויט צוליב עבודת הבורא דורך עובדי הבורא.

די דריי מיני מהומות, וואָס זיינען פאַראַן אויף דער וועלט: די מהומה פון תענוגים, די מהומה אין משא־ומתן און די מהומה אין גייסטיגן לעבן דאַרף מען פאַרוואַנדלען אין זייערע היפוכים: אין שמחת במעונו, פרנסה במנוחה און חכמה און טיפקייט פון האַרץ.

כדי עולה צו זיין אין רחמים, נעמען אויף זיך די „העולים" צו פאַרברייטערן די התחייבות'ן פון איין מענטש צום צווייטן אי מכח די מצות עשה אי מכח די מצות לא תעשה, אי מכח דעם עצם טאָן אי מכח דעם אופן ווי אַזוי צו טאָן. און כדי עולה צו זיין אין תפארת, נעמען אויף זיך די „העולים" צו שטרעבן צו שיינקייט און צו חן, צו ריינקייט און צו אָרדענונג, ביי זיך און ביי אַלצדינג, וואָס איז אין זייער רשות.

פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז די, וואָס יאָגן זיך נאָך געלט, וואָס פירן זיך מיט לוקסוס, וואָס שפילן אין קאָרטן וכדומה און די, וואָס ריידן נבול פה, קענען ניט עולה זיין ניט אין דעת, ניט אין רחמים און ניט אין תפארת.

מבטל מאַכן די שלעכטע סביבות און די שלעכטע פירונגען און איבעראַנדערשן דעם שלעכטן אופן לעבן אויף אַ גוטן, קאָן מען בדרך סיגים, און אַזוי ווי דער יחיד ווערט אָפּגעהיט דורך

סיגים פון איינצעלנע עבירות, אַזוי דאַרף אָפּגעהיט ווערן דער כּלל, ער זאָל ניט קומען צו נסיונות און סכּנות.

מחמת דעם נעמען אויף זיך די „העולים” אָפּצוהיטן זיך דורך סיגים פון שלעכטע השפּעות אויף וואוינען און באַזעצן זיך, אויף מלאכות און פּרנסות, אויף דאָס ארץ־הקדושה, אויף דער הלבשה און לשון, אויף דאָס מגדל זיין די זין און טעכטער.

און אָט זיינען די סיגים: וואוינען און באַזעצן זיך נאָר אויף אַזוינע ערטער, וואו ס׳געפינען זיך באַזונדערע יידישע ישובים; ניט באַזעצן זיך אין גאָר גרויסע שטעדט, סיידן לטובת הכּלל; ניט אָבצוזאָגן זיך פון אונזער לבוש, אויף די ערטער וואו יידן האָבן זיך זייער באַזונדערע יידישע הלבשה, נאָר זיך צו האַלטן ביי איר און אָפּצוגעבן איר כּבוד; ניט אָפּצוזאָגן זיך פון אונזער לשון, אויף די ערטער וואו יידן ריידן אַן אייגן לשון, נאָר צו היטן אים און אָפּצוגעבן אים כּבוד.

צו די סיגים גייט אַ ריי אַזוי צו זאָגן פּאָזיטיווע התחייבות׳ן, און אויב פריער פון די סיגים איז פעסטגעשטעלט, וואָס מען דאַרף נ י ט טאָן, ווערט פון די פּאָזיטיווע התחייבות׳ן קלאָר, וואָס מען ד אַ ר ף י אָ טאָן, הגם אין תּוך געגומען זיינען הן די סיגים, און הן די פּאָזיטיווע התחייבות׳ן, בינדינדיגע כּללים, וואָס זייער בעגאַטיווער און פּאָזיטיווער אופן פון אויספירונג איז אַלץ דער־זעלבער חיוב; אין דעם ניט טאָן ליגט שוין דער יאָ טאָן און פאַרקערט.

די פּאָזיטיווע התחייבות׳ן זיינען: אויפערציהען אונז ערדאַר־בעטער און צו באַזעצן זיי אויף אייגענער פּריוואַטער אָדער גע־זעלשאַפטליכער ערד; צו מאַכן געזעלשאַפטליכע וואַרשטאַטן און פאַבריקן פאַר אונזערע אַרבעטער; צו גרינדן אונז קאָלאָניעס אין אונזער ארץ הקדושה; צו מאַכן דעם למוד התורה (תּנ״ך, משניות און גמרא) צום יסוד פון דעם לערנען פון אונזערע זין און פון אונזערע טעכטער, אויך לערנען מיט זיי לשון־הקדש און אַלצדינג וואָס אַ ייד דאַרף וויסן, און צו געבן זיי די מעגליכקייט צו לער־

גען די אַלע זאַכן און די חכמות פון דער וועלט אין אַ יידישער און גלוּביגער סביבה און לויט אַ יידישער און גלוּביגער שיטה, צו שטאַרקן און געזונט צו מאַכן אונזערע לייבער, און די לייבער פון אונזערע ייגגלעך און מיידלעך (און דאָס ניט בדרך עזות און אומצניעות):

ס׳איז אָבער ניט מעגליך עולה צו זיין, ווען יעדער יחיד וועט זיך אַרבעטן פאַר זיך און וועט ניט זיין באַהעפט מיט׳ן כלל. אום מענשן זאָלן קענען עולה זיין, דאַרפן באַשאַפן ווערן אַזוינע אַלגעמיינע אינסטיטוציעס, וואָס גיבן כח דעם כלל און במלא זיינע יחידים עולה צו זיין, און בראש פון די אינסטיטוציעס דאַרף זיך געפינען אַן אָרגאַן, וואָס נעמט אַרום אַלע שומרי אמונה, לויט דער אָרדענונג פון זייערע עמטער און פון זייערע מדרגות, אַן אָרגאַן, וואָס פירט דעם כלל, וואָס דערהויבט יעדן שומר=אמונה צווישן זיין פאָלק, וואָס איז מכיח און עצה׳ט יעדן איינעם פון די, וועלכע שטייען אונטער זיין שוץ, וואָס לאָזט אַרויס דעקרעטן, איז גוזר גזרות, לייגט אַרויף חרמים, שטעלט אַרויס סיגים און וואָס קאָן זיי ווידער מבטל מאַכן.

די עולים נעמען אויף זיך צו גרינדן די דאָזיגע אַלגעמיינע אינסטיטוציעס פאַר זייער עולה=זיין און זיי אָנערקענען דעם אָרגאַן, וואָס נעמט אַרום אַלע זייערע שומרי אמונה און וואָט מיט זיין גרויסער חכמה און אמונה זאָל ער זיי אַרויפפירן צו די העכסטע מדרגות פון געטריישאַפט צו דער תורה און פון קדושת בשר ודם און צו מאַכן זיי ראוי אַנטקעגן=צו=גיין משיח׳ן.

די עולים האָפן, אַז וואָס אַמאָל וועלן קומען צו זיי אַלץ מער און מער אָנהייגער, ביז די גאַנצע כנסת=ישראל וועט זיין איין=איינציגע אַגודה פון עולים, געהיט פון זייערע שומרים, איין איינציגע אגודה פון געטרייע צו דער תורה, פון אַזוינע, וואָס שטרעבן צו גערעכטיגקייט און קדושה און וואָס זיינען זיך מתכון אויף צו ברייגגען משיח׳ן

די ערשטע זאַך שטעלן זיך די „עולים״ פאַר אַ ציל ניט גאָר צו ריידן, נאָר אויך צו ווירקן מיט זייערע מעשים און זייער לעבן, און די אַלגעמיינע אינסטיטוציעס, וואָס זיי ווילן גרינדן,

האָבן קודם כל צו פאַרנעמען זיך מיט די ענינים פון עבודת הבורא, בפרט מיט אָפּהיטן און מנהיג זיין בתּי כנסיות, בתּי מדרשים און אַנדערע הייליגע ערטער, זיי האָבן צו פאַרנעמען זיך מיט חוקר זיין און איינאָרדענען די מלאכות און פרנסות פון די עולים, מיט די עולים-קאָלאָניעס אין ארץ-ישראל, מיט איינאָרדענען די עבודת הרחמים צווישן כלל, מיט אַכטונג צו געבן אויף תּפארת צווישן פאָלק (הן מכּח חפצים והן מכּח הלבושה), אויף דעם גאַנצן פירן זיך און מער פון אַלץ אויף דער עבודת הבורא. די אינסטי-טוציעס האָבן אויך חוקר צו זיין און אָפּצוהיטן די לשונות פון יידן און צו פאַרנעמען זיך מיט אַלע ענינים פון חנוך.

דער אָרגאַן פון די שומרי אמונה איז דער אויבערשטער יידישער סינאָד, וואָס באַשטייט נאָר פון די מורי הוראות, און בלויז בשעת הדחק קאָן מען אויך נעמען אַ ייד, וואָס איז ניט קיין מורה הוראה, אויב ער איז נאָר ראוי דערצו און איז אַ ירא שמים.

די אָרגאַניזאַציע פון דאָזיגן אָרגאַן איז אַן אַלוועלטליכע, זי הויבט זיך אָן פון דער כנסיה אויף אַן אָרט און דערגייט ביז דער כנסת ראשית, וואָס איז איבער די כנסיות פון לענדער.

די עולים גופא ווערן אויך רעקרוטירט, נאַטירליך אומעטום, וואו יידן וואוינען, און דער לעצטער פונקט פון דער אָרגאַניזאַציע שומרי אמונה זאָגט אפילו, אַז ווען די צאָל פון די עולים (חוץ די עו״לות) וועט זיין אָנגעוואַקסן בכל תפוצות ישראל ביז צו העכער הונדערט טויזענט און מען וועט נאָך דעמאָלט ניט האָבן מחדש געווען די סמיכה פון די מורי הוראה דורך דעם בית דין הגדול (ווי מען איז עס מחויב נאָכן דין אַפילו שוין איצט), וועלן די עולים אַליין מחדש זיין די סמיכה.

יעדער שומר אמונה ווערט באַשטימט אָדער ווערט משלח נאָר דורך דער כנסת, וואָס איז איבער זיין כנסת, און אויך נאָר פון דער דאָזיגער כנסת נעמט ער זיין געהאַלט.

מיר האָבן דאָ, אַלזאָ, פאַר זיך אַ פאַרצווייגטע ברייטע אָר-גאַניזאַציע פון עולים און שומרים אמונה, אָדער פון גלויביגע יידן

און פירער פון די דאָזיגע גלויביגע יידן מיט אַ פעסטער פּראָגראַם פון לעבן און טאָן און נאָך אַ פעסטערער יעראַרכיע פון גייסטליכע.

דורך אַזאַ מין אָרגאַניזאַציע, זאָגט בירנבוים, וועט מעגליך זיין צו אַרבעטן אויף משיח׳ען און ס׳וועט מקוים ווערן די נבואה פון ישעיה הנביא וועגן משיחס צייטן.

אָט דאָס איז די נייע תורה פון בירנבוימען, די תורה פון די עולים, די דברי העולים, און דער פּלאַן פון זייער אָרגאַניזאַציע. דערווייל איז נאָך, אָבער, קיין זאַך ניטאָ...

און גראָד איז איצט אַן עת לעשות! שרייט אויס בירנבוים. און אין אַ הייסן אַרטיקל, פול מיט קדושה, איז בירנבוים מוכיח די שלומי אמוני ישראל. דוקא די פרומע זיינען מער ווי אַלע שולדיג אין דער יידישער הפקר=וועלט, ווייל אויך זיי ווילן נאָר זיי זאָל זיין בעקוועם. „איר קלאָגט אייך אויף אונזער צייט, — זאָגט בירנבוים צו די שלומי אמוני ישראל, — וואָס זי ברייגנט אַרויס אַלץ מער בוגדים. פאַרוואָס קלאָגט איר אייך ניט אויף אַייך אַליין, וואָס איז אַייך ניט געלונגען גובר צו זיין די צייט און אייך אויפצושטעלן דורות פון אייזן, וועלכע זאָלן זיך קענען שפּאַרן אַנטקעגן דעם שטראָם פון די אומרייגע צייטן, און צו באַשאַפן אייך ריינע צייטן, אין וועלכע ס׳זאָלן זיך קענען אויסהאַלטן אייערע קראַנקע דורות?“.

יעדער איינער פון די שלומי אמוני ישראל אייפערט פאַר גאָט פאַר זיך, פאַר וואָס אייפערן זיי אָבער ניט פאַרן כלל ישראל? פאַרוואָס זיינען זיי ניט מקיים די תורה אויף צו לעבן דורך איר, פאַרוואָס נעמען זיי ניט צונויף דעם גאַנצן כח, וועלכער געפינט זיך ביי אַלע יידישע מאמינים, כדי מלחמה צו האַלטן קעגן דער אומגעטריישאַפט, פאַרוואָס זעהען זיי ניט, אַז די רבנים, די מורי הוראה קענען גאָר ניט אויפטאָן אין זייערע קהלות, ווייל קנעכט זיינען זיי ביי די תקיפים, די געוואַלטיגערס מיט געלט און מיט עזות, און אַז אנשטאָט פירערס, זיינען זיי בטלנים געוואָרן? פאַר= וואָס זיצען זיי יעדערער באַזונדער אנשטאָט צו זיין אינאיינעם אַ געאָרדנעט חייל פון שומרי אמונה, וואָס מערן די קדושה צווישן

יידן און פאַרגרעסערן דעם כבוד פון דער תורה, וואָס לערנען איר און זיינען איר מקיים? ניט אַנדערש ווייל זיי ווילען זיי זאָל זיין באַקוועם.

און בירנבוים שרייט און רופט צו די שלומי אמוני ישראל: האָט ניט קיין מוראָ! קלאָגט אייך ניט אויף קיינעם און וויינט ניט! וואָרום ס׳איז אַ צייט צו טאָן! עת לעשות!״.

מיט אַ באַזונדערן צאָרן וואַרפט זיך בירנבוים אַוויף אויף די „היידן־יידן״, אויף די, וואָס האָבן געמאַכט די היידנישע רעוואָ־לוציע אין יידישן לעבן, און אָנשטאָט הייליגקייט און אייביגקייט האָבן זיי אַריינגעבראַכט פריצות און אַנאַרכיזם.

„פרייער גייסט! פרייער גייסט! שרייען די היידנישע רעוואָ־לוציאָנערן און מאַכן אין דער אמת׳ן צו שפּאָט און צו שאַנד די טיפסטע אידעאַלן פון יושר, פון האַרציגער ברידערליכקייט און פון ריינעם גלויביגן לעבן. קודם כל האָבן זיי אויסגעלאַכט די רעליגיע און אַוועקגעשטעלט אויף איר אָרט דעם געץ פון דעמאַגאָגיע, האָבן אומעטום אויפגעבויט אַ וועלט פון קאָרופּציע, פון ברוטאַלי־טעט און פון באַנאַליטעט, וואָס איר גלייכן איז קיין מאָל ניט געווען אויף דער ערד.

און אָט צוזאַמען מיט די דאָזיגע היידנישע רעוואָלוציאָנער אָדער גאָר פאָראויס פון זיי גייען דאָס יידן, קינדער פון אויס דערוויילטן פאָלק, פון גאָטס פאָלק, פון די גרויסע נביאים און פון גאָטס שבת!

און אויב די שלומי אמוני ישראל, וואָס זוכן נאָר זיי זאָל זיין באַקוועם, נעמען זיך ניט צונויף און בילדן ניט קיין פייערדיגן כּח אום איינצוהאַלטן די יידישע וועלט פון צופאַלונג און פון גאָט־לעסטערונג,—טוען די היידנישע רעוואָלוציאָנערן זייער אַרבעט כּסדר, און די היידנישע יידן העלפן זיי צו, אָדער שטייגן זיי נאָך אַריבער. אָט אַזוי קומט עס, אַז ביי הייַנטיגן טאָג האָבן מיר, לויטן בירנבוימס מיינונג, אין מערב בכלל קיין יידנטום ניט אין זיין פו גאַנצע, אמת׳ע יידן, און אויך אין מזרח מיט זיין גרויסער אַלט־

יידישער מאַסע ברעקעלט זיך און ברעכט זיך גאָטס פאָלק, דאָס יידישע פאָלק מיט זיין סטיל, מיט זיין אייגענאַרטיגער ליניע פון לעבן, מיט זיין אייגענער שיינקייט. דער מאָדערנער בבל טוט זיין אַרבעט פון צושטערונג. אַלץ נייע אָנפאַלער שטייען=אויף אויף דעם יידישן כבוד, רייסן אַרויס פון האַרצן דעם לעבעדיגן גאָט און פאַרבייטן אים אויף שטיקלעך וויסנשאַפט, אויף אומריכטיגע סאַנטימענטאַליטעטן און פאָליטישע לאָזונגען, און אַזוי ווילן זיי דאָס אַרויספירן די יידן פון „פינסטערניס פון געטאָ" אין „ליכט פון ציוויליזאַציע".*)

דעם גאַנצן שווערפונקט פון דעם נייעם לעבן, וואָס בירנבוים רופט צו אים און וואָס איז אייגנטליך דער אַלטער גאַנצער יידישער לעבן, לייגט בירנבוים אויף דעם כח פון רעליגיעזן עקסטאַז, אויף דעם כח פון גלויבן אין משיח'ן דעם ערלייזער, און פון טאָן, פון מעשים, וועלכע זאָלן דעם אידעאַל פון משיח'ן מאַכן פאַר אַ ווירקליכקייט.

וואָס מער געטאָ, דאָס הייסט וואָס מער יידישע אייגנאַרטיגקייט, אַלץ בעסער! ניט פונאַנדערוואַרפן זיך, נאָר פאַרקערט איינצאַמען און קאָנצענטרירן זיך. אַלץ דאַרף ווערן געהייליגט— דאָס לעבן, דאָס לאַנד (אפילו ארץ=ישראל!), די אַרבעט און די מחשבה. און קיינער קאָן דאָס ניט אַזוי טיף דורכפירן ווי גראָד דאָס יידישע פאָלק, וואָס איז דאָך גאָטס פאָלק. צו דעם ציל דאַרף מען אַרבעטן, טאָן, ס'איז שוין די העכסטע צייט געקומען דערצו, מען דאַרף אַלע גלויביגע צונויפזאַמלען אין איין מחנה גאָט=אייפערער, וואָס זאָלן שטרעבן צו שיינקייט און עניוות, צו אָרדענונג און צו ריינקייט, צו הייליגקייט און געטליכער פראַכט און

*) ז. בירנבוימס בוך: Gottes Folk (R. Löwit Verlag. Wien und Berlin 1918).

די אויסלייגונג פון בירנבוימס נייער תורה האָב איך געמאַכט לויט דעם דאָזיגן גרונט-ספר פון נייעם בירנבוים און לויט דעם יידישן טעקסט פון די „דברי העולים".

זאָלן דאָס דורך מעשים פּאַרווירקליכן אין לעבן און אַזוי אַרום ברייינגען משיח׳ן. און ער, בירנבוים, האָט שוין געמאַכט געוויסע טריט צו דער דאָזיגער גרויסער אַרבעט און האָט זיך שוין דער־וואָרבן אַ גרופּע אָנהייינגער, אַ קליינע הייפל „עולים״ און די גאַנ־צע האָפענונג איז אויף די יידן פון מזרח און אָריענט.

דערווייל אָבער ווערט נאָך געפירט די פּראָפּאַגאַנדע, ניט מער...

ווען די גלוביגע יידישע מאַסן פון מזרח זיך צוהערן צו בירנבוימס ווערטער? ווען די שלומי אמוני ישראל זיך דורכדרינ־גען מיט זיין הייסן רוף? און ווערן די „היידנישע יידן״, די יידישע „אינטעליגענץ״ אין מערב און מזרח אויסגעשלאָסן פון מחנה, אָדער ס׳איז נאָך פאָרט דאָ די האָפענונג אויף זייער געגעזונג, אויף זייער „איך שעם מיך״, ווי בירנבוים גופא האָט דאָס געטאָן?

ס׳איז אַ פּסיכילאָגישע פּראָבלעם, אַ פּראָבלעם פון גרויסן גייסטיגן כח, וואָס ליגט איינגעבאָרן אין יידישן פאָלק,—איידער אַ פּראָבלעם פון ממשות׳דיגן, ווירקליכן לעבן, ווי ד״ר בירנבוים וויל דאָס מאַכן.

דער געדאַנק „צוריק אין געטאָ״ איז שוין אַרויפגעשוואומען ביי דער בעסערער יידישער אינטעליגענץ נאָך פאַר דער מלחמה, בעת דער גלויבן אין דער אייראָפּעאישער קולטור האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען, און אַרום איז בלויז געווען צו זעהען פּריצות און ביי יידן אַסימילאַציע. מיסטישע געפילן זיינען אויפ־געקומען, און די אויגן האָבן זיך געווענדעט צו די אַמאָליגע צייטן, ווען דער יידישער גייסט איז געווען אַזוי שטאַרק און מעכטיג. די איינציגע היילונג האָבן די דאָזיגע יידישע אינטעליגענטן—דערהויפּט שריפטשטעלער, פּאָעטן—געזען אין דעם „אומקערן זיך אין געטאָ״, אין פאַרטיפן זיך און פאַריידישן דעם יידישן לעבן. מען האָט אויך גערעדט וועגן אַ רעליגיעזן אויפשטייג, אָבער אַ ריין אינערליכן. די מלחמה האָט אויסגעלאַכט אַלע גע־דאַנקען און געפילן, אַלץ איז צושוואומען און צורונען—און איז

חרוב געוואָרן. ווי אַ מין חוזק האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט גענומען אומברחמנות׳דיג בעל־הבית׳עווען, האָט פאַרשטאָפּט אַלע־מען די מיילער, האָט דערשלאָגן די הערצער און האָט אַ סוף געמאַכט צום גייסט און צום געדאַנק.

און אָט אין דער שווערער צייט איז געקומען בירנבוים מיט זיין נייער תורה, וואָס איז פול מיט רוחניות און טיפסטער געדאַנקען־וועלט, און וויל איבערבויען דעם לעבן — און יידן רופט ער צו זיין די בויער.

דאָס איז אַ העראָאיזם, אַ גייסטיגע גבורה, — און אין דעם ליגט דער ווערט פון בירנבוימס נייעם אויפטו.

ס׳איז שווער צו גלויבן אין די פּראַקטישע רעזולטאַטן פון בירנבוימס „באַוועגונג״. ס׳איז שווער צו גלויבן אין דעם, ווען מען זאָל אפילו ניט זיין קיין אויסגעשפּראָכענער ראַציאָנאַליסט.

אין בירנבוימס תורה וועלן אפשר גראָד די „מזרח־יידן״ דערזעען קודם־כל ניט מער ווי א מין מיסטיק, אַ מין פאַרשלייערטן אַטענטאַט אויף זייער שטייגער לעבן מיט די דינים, מנהגים, דאַגעס און תפלות און אין קיין פאַל ניט קיין „תורה״, קיין „רעליגיע״, קיין „משיח״, קיין „דברי העולים״, קיין „שומרי אמונה״ וכדומה.

זיי, די „מזרח־יידן״, וועלן זיך מן־הסתם פּשוט פון אָרט ניט אַ ריר טאָן...

און די שלומי אמוני ישראל? — זיי וועלן שוין געוויס צו בירנבוימען זיך אַ קער ניט טאָן...

ביי דער יידישער אינטעליגענץ, אָבער, וועט דער נייער בירנבוים ניט אַריבערגיין אומבאַמערקט און וועט פונקט אַזוי, און גראָד אפשר נאָך מער, וועקן די גייסטער, ווי דער פריהערדיגער בירנבוים האָט דאָס געטאָן.

פאַר אונז אַנטפּלעקט זיך אין נייעם בירנבוימען אַ נייע גרויסע גייסטיגע קראַפט, — און אָט דאָס ציט און אימפּאָנירט. דער יידישער גייסט לעבט און שאַפט.

די אינווייניגסטע יידישע רעליגעזע הכרה ווייזט זיך אַרויס דאָ אויף דעם, דאָ אויף יענעם אופן, דער נייער בירנבוים, וואָס איז ערשט געוואָרן דער אמת׳ער מתתיהו אחר, וועט ניט איין נשמה דערקוויקן און וועט ניט איין גייסט אויפלעבן.

ס׳איז דאָ איבעריג צו קומען מיט פאָרמולעס, פאַרטיי־פּראָגראַמען, אַנאַליזן און קריטיקעס, — אין בירנבוימען האָבן מיר דאָ אַ שטיק פאַרקערפּערט יידיש גייסט, יידיש קונסט, — און די באַטראַכטונג פון די פּראַקטישע רעזולטאַטן און רעאַלע מעגליכקייטן פון זיין נייער תורה זאָל אין דעם פאַל איבערגעלאָזן געוואָרן פאַר די פיליסטער...

דער מיסטיציזם, אירראַציאָנאַליזם, די משיחות און דער „איך" ביים נייעם בירנבוימען זיינען בלויז נעבן־ערשיינונגען פון דער הויפּט־שטרעבונג זיינער צו פאַרשענערן, פאַראיידעלערן און פאַרערליכערן דעם יידישן לעבן.

אָן קדושה, אָן דעם גלויבן אין גאָט זעט ער ניט דעם וועג דערצו, און דער מעטאָד איז דערזעלבער — בנוגע צום גלות ווי צו ארץ־ישראל, וואָס ביידע האָט בירנבוים גלייך ליב, ווי ער האָט גלייך ליב יידיש און העברעאיש. אָבער אָן קדושה, אָן „דער אַרבעט אויף משיח׳ן, איז דאָס אַלץ ניט מער ווי אַ גאַנג אין אַ זייט, אין סטרא אחרא".

מיר אַלע זיינען אָבער מסכים אין דעם איין געדאַנק און אין דער איין אַרבעט, אַז אונזער יידיש פאָלק זאָל זיין אַ געזונט, גאַנץ פאָלק, — און אויב בירנבוימס משיחות איז מער ניט ווי אַלץ אַ פּסיכאָלאָגישע רעפלעקסיע, אַן אינדיווידועלע איבערלעבונג, — איז דאָך זיין כונה א טיף נאַציאָנאַלע....